STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02828

AMOL IZ GEVEN A MENTSH

Yehudah Tofel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה טאפעל

אמאל איז געווען א מענטש

פארלאג « LE TRIANGLE »
8, Rue Stanislas, Paris-VIe
1927

פון דער איסגאַבע זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי הונדערט עקזעמפּליאַרן אויף „ווערזשע אַל־פאַ לוקס“ פּאַפּיר, נומערירט פון איינס ביז 200.

אמאָל איז געווען
אַ מענטש

1

די לבנה שפיגלט זיך אין טייך, און אין מיר איז שוין דאכט זיך אויך שטילער געוואָרן. איך פיל נאָך ערגעץ א ווייטאָג, ווייס אָבער נישט צי איז דאָס דער גוף צי איז דאָס דער גייסט, וואָס לײדט יסו־רים. איך גאר אָנצוהויבן א גרעסערע ארבעט און כאָטש איינמאָל פארענדיקן. אָפט פארנעם איך זיך אויף עפעס א זאך, האס אָפ אין מיטן, און דערגיי נישט צו א סוף. אָבער היינט האָב איך נישט קיין געדולט פאר אזוינע אָפריסן. איך מוז זיך פארווענדן אויף עפעס גרעסערס, עפעס אזוינס וואָס זאָל מיך דערשעפן. איך קוק אָפט אריין אין זיך, וואו איך זע א מין געדייצטקייט, א בעס, א פייער מיט א ווינט. און פון דרויסן וואָס זע איך? ווי די טעג שטאַרבן. יאָ, אזוי וועט זיין: איך וועל שרייבן: „אמאָל איז געווען א מענטש" — טריי און נישט געפעלשט, וואו איך וועל אָפן ארויסרעדן מיינע גוטע טראַכטונגען און פרואוון נישט פארבאַ־האלטן מיינע געדאנקען, וועל אָנווייזן וואו איך שטיי אויף דער ערד און וואו איך הענג אין דער לופטן, און אזוי ווייטער.

מיין פערזענלעכקייט האט מיך פאראינטריגירט. איך באטראכט דאס מיט געשפאנטקייט און מיט פרייד.

אפט טרייבט עס מיך ווי מיט שטעקנס אוועק פון מענטשן, צו לעבן אן אפגעזונדערט לעבן. דערגיי איך דערפאר צו זיך א ביסל נענטער, קום אויף אזעלכע ערטער וואס אנדערע קומען דארטן נישט. און דער־נאכדעם פארבענקט זיך מיר צוריק. אבער אזוי ווי איך בין נישט געוואוינט צו דעם מענטשנ׳ס פירונגען און זיינע טואונגען, קומט קיין גוטס דערפון נישט ארויס. יעדע זאך וואס פארמאגט נאר אן אייגענעם ווילן נעמט זיך בארן מיט מיר, און דער סוף איז: געשלעגן מיט קריגערייען, דערהויפט מיט וואונדן וואס פארהיילן זיך נישט לאנג. איצט גייט די לבנה איבערן טייך פארשפרייטנדיק רו. וואס איז דארט באַ־האלטן אין דער לבנה וואס דאס פנים איז איר אזוי גוט און ליכטיק? עס קומט מיר אויפן זין א שלאכט־פעלד אין א לבנה־נאכט.

איך בין איינער א מענטש וואס גיי אינאיינעם מיט אנדערע מענטשן איבער די גאסן פון שטאט, אין דער פרי, אין די אוונטן, קען זיך אבער נישט פארלירן צווישן זיי. דאס וואס פירט מיך ארויס פון שטוב אין גאס פירט מיך צוריק אין שטוב אריין, צום טיש מיט דער פעדער מיט׳ן זייגער אויפ׳ן טיש. שפאציר איך שוין אין דער איינער גאס באלד צוויי יאר. אבער יעדעס מאל געשעט דארט עפעס א נייעס וואס

גיט דער גאַס אַ נײַ אויסזען. איין טאָג שנײַט, אַ צווייטן טאָג איז די לופט קיל און דורכזיכטיק, און אַ דריטן מאָל גייט ארום אַ ווינט אַ בייזער און שלעפט די ביימער ביי די נאַקעטע צווייגן. אַמאָל שטייט אַ יונג מיידל פאַר אַ טיר און רייניקט דעם אַריינגאַנג צום הויז. גיט דאָס דער גאַס צו קאָליר. אַמאָל שטייט אַן אַלטע פרוי אויף אַ ראָג און צייעט זיך אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט גאַס, וואַרט אָפּהענטיק און צוטראָכן. און נאָך אַזוינע געוויינלעכע און וואונדערלעכע זאכן טרעפן זיך וואָס גיבן דער גאַס אַן אַנדער פּנים און בייטן דעם ריטעם פון מיין גאַנג. איך האָב נישט צו וואָס צו גיין אין גאַס, אָבער אָפּט גייענדיק פאַר'חלום איך זיך, דערהויפּט פרילינג־צייט און אין די קילע זומער־פרימאָרגנס, און טראַכט ווי גוט ס'וואָלט געווען צו האָבן אָט אין דער גאַס אַן אייגן הויז. וואָלט איך דאָס אויסגעשטאַט מיט דעם פיינעם געשמאַק, מיט שטיבער צום אַרבעטן און צו פאַרברענגען, אַ סטודיאָ, אַ קאַסטן פאַר די ניט־פאַרעפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן, און בלומען אין בלויע וואַזן. און אַז די חלומות זעצן זיך אויף מיר אָן ווי די בינען, נעם איך לויפן איבער דער גאַס ווי אַ פאַריקטער, ווייל זיי אָפּטרייבן. און די מענטשן וואָס זעען מיך, מיינען דערביי אוודאי, אַז איך בין זייער אַ פאַריאָגטער מענטש. דריי איך זיך אַזוי דערווייל אַריין און אַרויס צווישן מענטשן און הייזער, אָבער אַלע מאָל קום איך צוריק צו דער אייגענער שטוב און דעם

אייגענעם איך. פון זיך קען איך זיך נישט אָפּטיילן. קיינמאָל נישט. און אפילו ווען איך פאַרגעס אַז איך לעב, הער איך אויך נישט אויף צו זיין דער אייגענער וואָס געווען. איך בין עפּעס אַזאַ זאַך אַן אומפאַרענ־דערלעכע, אַן עכטע. און דערפאַר בין איך שטענדיק אויסנעהאַלטן אפילו דעמאָלט, ווען איך שיין זיך צו ווידערשפּרעכן. עס ווידערשפּרעכן זיך די ווערטער, איך, דער מענטש, בין אפשר פּילזייטיק, און אפשר אַ נאַר. דער סך הכל בלייבט דער אייגענער — איך, אַזוי ווי איך בין.

אַ שמייכל, אָדער דאָס איידעלע פּנים פון אַ פרוי פאַרמאַגט דעם כח גובר צו זיין מיין אומעט, איינצו־שטילן מיין כעס, און היינט אָוונט איז עס די לבנה. און איך בענטש די לבנה און שמייכל. מאָרגן וועט זיין נאָך אַ טאָג. באַרואיקט, לייג איך זיך שלאָפן. אַלץ וואָס רויבט דעם שלאָף, איז אומזיניק. רו, שטילע רו, גוטע רו.

2

איך קען דאָך נישט אייביק זיך באַציען צו דער וועלט פון דרויסן אַזוי ווי איך וואָלט נישט גע־ווען דערבײַ. קען זיין אַז איך שטיי אויף אַ ני־דעריקע מדרגה. אָבער ס'איז פאַרט נישטאָ קיין רוים צווישן מיר און דאָס וואָס איך זע. יעדע זאַך, יעדע

דערשיינונג שטאַמט פון מיין אייגן בלוט און פלייש. איך באַהעפט זיך בלויז מיט דעם וואָס פאַרמאָגט ענלעכעס צו מיר. ס'איז צו שטוינען ווי בלינד איך בין פאַר דאָס וואָס מען מיינט איך וואָלט באַדאַרפט זעען. איך זע דאָס אָבער פאָרט נישט, אַזוי ווי איך וואָלט דאָס אומיסטן אויסגעמיטן. און דאָך נעם איך זיך פאַר ליב אַזוי ווי איך בין. קען אויך זיין אַז עס איז נישט קלוג און נישט גוט אַזוי, אָבער איך וועל דאָך נישט גיין זיך איבערקערן אויף דער לינקער זייט. איך גלויב אַז אַזוי ווי עס איז אַזוי באַדאַרף צו זיין. דאָס וואָס מוז אַזוי בלייבן, נו — דו נעמסט עס פאַרליב, און אַן עס! אויב איך זאָל נישט נאָכגיין מיינע נייגונגען און זאָל פאַרקירעווען דעם ווילן, וואָלט דאָס הייסן אומברענגען אַ לעבעדיקן באַשאַף. איך וואָלט אויפגעהערט זיך צו דערקענען. וואָס וואָלט דעמאָלט פאַרבליבן? אָן יענעם ערשטן באַוואוסטזיין וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל מי אויפגעצויגן, בין איך דאָך נאָך גאָר אַ קינד. איך וואָלט דאַן ענלעך געווען צו אַ מענטשן וואָס ליגט פאַרשאָטן אין אַ חרוב־גע־וואָרן הויז. איך וואָלט דערמיט פאַרליגנערט מיין לעבן. נעם איך דערפאַר פאַרגוט אַלץ וואָס איז מיר נוגע, און קיין טייל דערפון איז מיר נישט איבעריק און נישט דערווידער.

איך ווייס אַז גאָר אַ סך איז פאַראַן ערגעץ טיף אין הינטערבאַוואוסטזיין פון וואָס איך האָב אפילו קיין אַנונג נישט. איך קען דערצו נישט צוקומען, אַזוי ווי

עס וואָלט געלעגן הינטער טויזנט ריגלען. אָבער יעדע לעבעדיקע מינוט אין טאָג לייכטן מיר אויף די אויגן און ס'באַפּאַלט מיך אַ באַגער צו דערזען עפּעס פון יענער שיינקייט. טעג גאַנצע וואַנדער איך און בלאָנקע ארום אין די בערג, אין וואַלד, אין די גאַסן פון שטאָט, זעען צי גייט נישט ערגעץ אויף אַ ניי ליכט. אָבער דאָס אַלץ, דער טרייב וואָס רייצט מיך און שטויסט מיך און אויך דאָס וואָס איך געפין — עס איז מיין אייגנס — איך אַליין. דו ציסט אויס די לאַנגע הענט און גיסט אַ שמייך מיט דער בייטש — דאָס איז דער דראַנג אין דיר. אַלע פאַלדן, די פאַלדן פון איין קלייד — דאָס איז די זאַך וואָס דו געפינסט. יעדעס מאָל וואָס איך גיי ערגעץ, איז עס אַ באַשערטע זאַך — אַ מעשה וואָס מען האָט מיר דערציילט פאַרן געבוירן.

באַטראַכט דעם מאָלער. ער נעמט אַ טויט שטיק לייוונט. ער וויל עס אַנטוען אַ כישוף אַז עס זאָל אָנהייבן לעבן מיט אַן איינהייטלעכן לעבן אַזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען דערביי. געלינגט דאָס אים אָבער נישט. מיט יעדן שטריך פון דינעם פּינזל דעקט ער אָפּ זיך אַליין, זיינע מידות, זיין גוטס און שלעכטס. יענער מאָלער וויל זיך אוועקשטעלן אין אַ פּאָזע. אפשר מיינט ער אַז די בערג צוזאַמען מיטן מיידל זענען געשטאַנען ערגעץ אין דרויסן און ער האָט זיי דאָס אַזוי שטאַרק איבעראַשט. זאָג איך אים, אַז נישט. פאַרקערט, זיי געוועלטיקן אין אים און זיי זענען גאָר אים נגאַנגען אויפזוכן. און אויב זיי וואָלטן

אים נישט דאָ אָנגעטראָפן, וואָלטן זיי אים אזוי לאַנג אַרומגעזוכט, ביז זיי וואָלטן אים געמוזט געפינען. וואָרים הערט זיך איין: דער שאָטן ווען ער האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, וואו גייט ער איבערשלאָפן די נאַכט? איך וועל זיך נישט אוועקשטעלן אין דער פּאָזע פון יענעם מאָלער. ווען איך זע, זאָג איך, איך זע; ווען איך הער, זאָג איך, איך הער. און צו די וואָס וועלן מיר אויפוואַרפן אַז דערמיט גרויס איך זיך, ווייל איך זאָגן, אַז איך גרויס זיך נישט. פאַרקערט, מיין צוטריט איז מיט עניוות און באַשיידן. איך מעק זיך דאָך אויס פונ׳ם בוך פון דער וועלט, ווען איך שרייב אויף: איך.

אויב אָבער איך וועל אין אַ שוואַכער מינוט זיך פאַרגינען און אויסאַרבעטן כּללים אַזוינע פאַרן לעבן און עמיץ וועט זיי וועלן אויספאָלגן און גיין אין מיינע וועגן, האָף איך אַז ער וועט אָנטרעפן שטרויכלונגען. אַלץ וואָס איז פאַראַנען צו לערנען פון מיינע טראַכטונגען איז פאַר מיר צו לערנען, און די אַנטפּלעקונגען זענען אויך־איך. פאַרט, אויב עס איז מיינס, וועל איך זיך נישט טיילן מיט קיין אַנדערן? אויב ער קומט צו מיר דאַרף ער מיך האָבן. און וואָס אַ מענטש באַדאַרף נויטיק וועל איך אים נישט אָפּזאָגן, ווייל עס איז זיינס.

אויף שפּיץ־באַרג גייען נישט אויף קיין זיסע גראָזן, און די דאַרע ביימער שטאַרבן מיט אַ גיכן טויט.

3

אפטמאָל געשעט אז גאנצע טעג נאָכאנאנד גיי איך ארום אין א וואָלקן. איך קום נישט אין די דלת אמות פון דערווירקלעכקייט. איך שטיי פנים אל פנים מיטן טויט. איך ווייס נישט צו זאָגן פון קיין מורא. איך דארף נאָר אויסשטרעקן די האנט, ווערן מיר קלאָר די הארבסטע שאלות. איך פארענטפער זיי אפשר נישט ווי עס באדארף צו זיין, אָבער אזא געוויכט, אזא אמת׳דיקייט ליגט אין דעם, אז אזוי מוז עס בלייבן. דאָס זיינען רגע׳ס פון טיפן גלויבן. איך דער־וועג זיך קוים אָנצודייטן דארויף.

עס זענען מיר דערווידער די אַלטע ווערטער. אויף וואָס דער מענטש פארשאַכערט דאָס זיין לעבן, זיין חלום! אָט שטייען זיי און שרעקן מיך: צייט, רוים, צאָל, דימענסיע. איך וויל פון זיי נישט וויסן. מיט׳ן טויט, מיין חבר, בא דער האנט, גייען מיר צוזאמען שטיל און פארקלערט. ניין, איך בין ווייט נישט דער וואָס מענטשן דענקן אַז זיי קענען אים. איז דען מעגלעך, אז איך בין נאָר איינער אליין? ניין. נישט מעגלעך, אז איך האָב זיך אמאָל אָנגעהויבן און אז איך וועל אויפהערן. איך וועל דאָך נישט שטארבן!

מיר זענען אזוי געניי, אזוי געניט און קלוג. ווער־טער זענען אונדזער גרעסטער שטער. ווערטער פאר־שטעלן אונדז דאָס פנים וואָס דארף זיך רויטלען פאר

שאַנד. סימוואַלן זענען צייטווייליק. יעדער דור איז אַ דור פאַר זיך. יעדער מענטש, אַ מענטש פאַר זיך. דאָס וואָרט ליגט אָבער איינגעגעסן אין בוך אויף איי־ביק. פאַרוואָס שרעקט דער טויט? וואָס איז פאַר מיר ליבע? וואָס הייסט שלעכט און גוט?

ווען איך גיי אום אין מיין וואַלקן ווערט אַלץ אַנ־דערשטיק. פרייד און טרויער — ווי צוויי פאַרליב־טע, אין דער שטילקייט הערט זיך געזאַנג און גלייכ־צייטיק איז שטיל. פאַרביי מיינע אָפענע אויגן שפּרייזט לאַנגזאַם פאַרביי מיין פאָטער וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן. מיין טייער זיס מיידל זיצט גאָר דאָ אויף אַ שטול בײַ דער רעכטער האַנט. וואו איז מיין פאָטער און וואו איז איצט דאָס מיידל? אַלץ איז דאָ גאַנץ, אָפּגעטיילט, באַזונדער, נישט צווישן וואַנט, פאַרמישט, פאַרגעסן. יעדער ווענד און קער פון דעם איינעם מיידל, יעדער שטעל און קוק פון דעם איינעם מענטשן, איז אַ וועלט, אַ וועלט.

דאָ אין מיין וואַלקן איז נישטאָ קיין שטאָלץ. איך עס מיט'ן חזיר, און שלאָף מיט'ן הונט, באָד זיך אין קויט און הענג צוזאַמען מיט'ן געהאַנגענעם. איך לאַך און איך וויין. הערט, איך בין אַ חיה אַ ווילדע, אַ פאַרווירטע. איך וויל אַוועקגיין אין אַ וואָלקן, און מוז דאָ בלייבן אין דעם ענגן ראָד. אַנדערש, ווי וועסטו קענען זיין מיט מיר און מיך טרייסטן, און מיך ליב האָבן!

4

דערנאָכדעם ווי איך האָב שוין נאָך גרויס מי געצויגן דעם לעצטן שלום, און דער אויספיר סוקט מיר אויס צו זיין דער געגויסטער און אומפאַרמיידלעכסטער, באַפאַלט מיך אַ שגעון דאָס אומצעוואַרפן און צונישט מאַכן. עס דאַכט זיך מיר אויס, איך האָב זיך לעכערלעך געמאַכט, זיך געשפּילט אין זאמד. הויב איך אָן פון דאַטניי וועבן די אידעע, אין פרייד און אין פיין, און ווען איך האָב שוין דאָס קלאָר ווי אויף דער האַנט, נעם איך דאָס ווידער און פאַרברען. פרעגט זיך: וואָס איז דאָס פאַרא וואַנדאַליזם? און צו וואָס לאָז איך אַזוי פיל טעג מיט יאָרן אַוועק מיטן רויך? אויף דאַרויף ענטפער איך: ס׳איז דער דראַנג צו קונסט.

איך נעם און מאַך אַ זאַך. זע ווי איך טו דאָס. זע, אָט צונעם איך דאָס. איך צונעם דאָס און מאַך עס איבער. מיין פרייד קומט נישט דערפון וואָס עס וועט זיין אזא זאך. די פרייד קומט דערפון וואָס איך קען די זאך מאכן. איך האָב ליב דעם רויען שטאָף און ליב זיך צו שפּילן דערמיט. ווען איך גיי אַרויס אין דרויסן אויף צו גיין אין גאס, קענסטו אריינקומען און באַטראַכטן מיין ארבעט. אָבער גלייך ווי איך קום צוריק וועל איך דיך בעטן אוועקגיין, ווייל איך וויל זיך נעמען צושטערן דאָס וואָס איך האָב געמאַכט.

איך וועל זיך אמאָל ערנסט פארטראכטן וועגן דעם, וועל אויפשרייבן אן אני מאמן און זיך באשווערן שטרענג אפצוהיטן יעדעס וואָרט דערפון. איך מוז איינמאָל דערגיין וואָס איז באשטענדיק אין מיר, און פון וואנען עס נעמט זיך די אומרו. איך מוז דאָך האָבן א גלויבן אין דער זאך גופא, אנישט ווי וואָלט איך גע־קענט וועגן ארויס פון דעם ווילדן פלאָנטער אין מח. עס וואָלט דאָך זיכער גרינגער געווען צו זיצן מיט פארלייגטע הענט. אָבער ווי וועט די אומרו געפינען איר טרייסט? און וואו איז פאָרט מיין געצאָלט פאר די טעג און יאָרן וואָס איך פארברען?

אויב איך וועל זיך אמאָל אזוי פארטראכטן וועגן זיך און מיין באציאונג צו זאכן, אפשר וועל איך פאָרט קומען צו א שלום, אן אמת א באשטענדיקן. אן אמת וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק ברייט און ספעציפיש אזוי אז איך זאָל אים קענען אָנווענדן אויף אַלץ און צו יעדער צייט. איך וועל אים דאן, דעם אמת, אויסהאקן אין שטיין וואָס וועט דינען פאר א צייכן אז איך בין שלום מיט זיך. פרעגט זיך אָבער, ווי אזוי וועל איך קענען לעבן מיט א שטיין? איך לעב מיט לעבן, מיט שאפן. און זיך אַליין האלט איך דאָך אויך נאָך אין שאפן. ווען איך בין שוין אזוי אז איך מוז שוין אזוי בלייבן, וואָלט איך זיך אווארע דערטרונקען — און אזוי ווי איך בין נאָך אַלץ אזוי, לעב איך.

וואונדערסט זיך וועגן מיר און זאָגסט — א קאפ־ריז. קאפריזן זענען אויך בארעכטיקט, אָבער דאָס־

מאָל איז עס נישט קיין קאַפּריז. איך שאַף אַ זאַך, אָבער די זאַך האַלטן קען איך נישט. די אידעע פון דער זאַך שיילט זיך שטופנווייז אַרויס פון רויען שטאָף. איך אין דער זאַך לעב בלויז אין רויען שטאָף. די זאַך גופא דאַרף מיך מער נישט האָבן — וואַרף איך זי אָפּ. איך בין דאָך נישט אַזוי אַלט אַז איך זאָל נישט קענען אויסקומען אָן מיין פאַרגאַנגענהייט. איך אַליין בין דערוויילּ גענוג פאַר זיך — און אין פּראָצעס פון יעדער נייער אַרבעט ווער איך מיט גאָטס הילף אַ בעסערער מענטש.

5

איך בין נישט צופרידן פון אַ בלויזן הויך, פון אַ בלויזער רעגונג. מיין גייסט גאַרט הערן שפּילן. איך בעט דיך הער נישט אויף צו זינגען. דו ווייסט נישט מיין אומגעהייערע בענקשאַפט. אָנגעשטרענגט פאָלג איך נאָך יעדן בויג און ציטער פון דיין פיינער שטים. איך קען אַזוי זיצן אָן אַן אויפהער. איך קען דיך הערן זינגען אייביק. איך האָב ליב דעם ים. איך האָב ליב צו פאָרן אויף גרויסע טייכן, וואוינען אין הויכע בערג! איך האָב ליב גרויסקייט, רחבות, רוים. איך מאַך אַ פייער פון טרוקענע שפּענער. די פלאַמען ברענען אויס אַ לאָך אין טוך פון נאַכט. די נאַכט פאַלדעוועט זיך אַרום און אַרום אין אַלע זייטן, און דאָס פייער איז

א ליד וואָס דיינע ליפּן ציען אזוי שטיל און אויסגעצויגן. איך האָב ליב א סך באַוועגונג, האָב אָבער אויך ליב צו זיצן שטיל טעג גאַנצע און קוקן אין גאָרנישט אריין. איך קען נישט מיט א לייכטן שפּרונג אריבערשפּרינגען פון איין זאַך צו א צווייטער. איך בין ווי דער זייד־וואָרים וואָס עסט און עסט ביז ער שלאָפט איין עסנדיק. צופיל אָנשטרענגונג דערשעפּט מיך אָבער. איך וואָלט געוואָלט זיין אזוי שטאַרק ווי א העלפאנט. אָפטמאָל איז מיר דער מח ווי אויף פייער לאַנג נאָכדעם ווי יעדעם אבר איז שוין טויט מיד.

עפּעס איז פאראַן וואונדערלעכעס אין דעם ווי אזוי אַן אלטער מאַן זיצט אין דערפרי אויף דער וועראַנדע די אויגן געווענדט צו די נידעריקע בערג. איך האָף אז ווען איך וועל מער נישט קענען ארומהאַווען און נאָכיאָגן דעם ווינט, וועל איך אויך אזוי קענען זיצן רואיק און מיט ווירדע. געדולט און אויסדויער זענען זער גרויסע מעלות. פאַרנאַכט־צו געפין איך פאַר דאָס בעסטע צו בלייבן אין שטוב און לאָזן דעם געדאנק ארומלויפן אין די רוימען פון באַרג און טייך, ווי א פויגל. איך שטער אים נישט, לאָז אים פריי. צייט עפנט דאַן אויף א פענסטער און ווייזט מיר אַן אויף די גרינע היילן. ארומצוגיין אין צייט איז נישט קיין קליינִיקייט, צו פליען אין די רוימען פון צייט איז זער א גרויסע פרייד. די ערד ווערט ווי א רויער דימאנט באם שלייפער אין האנט. אויף רגעס וואָס זענען אייביקייטן גיי איך פאַרלוירן פוןביידע וועלטן.

מיר שיינט איך געהער צו א פריערדיקן דור. עפעס איז אין מיר דאָ אן איבערבלייב פון אלטן בינעזער, פון בודיסט, און פון יענעם אידן פון תנך. דאָך פאַר־מאָג איך אויך שפּילעוודיקייט. ווי קיין זאך האָט דאָס נישט קיין דויער! ביבער, לידער. איך וויל זיך אָננע־מען מיט א סך כח און רעדן און דערציילן אָן א שיעור, און דערנאָכדעם אוועקגיין און ערגעץ זיך באַ־האלטן אויף א לאנגער צייט און רוען און נישט פאַרברענגען א וואָרט פארן מויל. אָפּטמאָל לאָך איך פון אָרימען קאפּריזנעם לייב, דער שווינדזיכטיקער כלי וואָס פאלט אוועק פון א קאלטן בלאָז. דער גע־דאנק, פארקערט, איז א לויפנדיק וואסער. יאָ, אפילו דער געדאנק איז א קוואל וואָס פארפרירט אין ווינ־טער. דער געדאנק פון דער וועלט אָבער איז שוין גאָר אן אנדערע זאך — א ים. און דאָס לייב פון דער וועלט איז אויך אַנדערש — און אייביק ווי די זון.

6

ב
ין איך געקומען, און אָן שום אייגענער מי ווער איך דער יורש פון אָן א שיעור רייכקייט — די שיינ־קייט פון גאָט'ס וועלט און די מעשות וועגן דעם. נעם איך און פארנוץ אלץ וואָס נאָר מיין הארץ גלוסט. עס פרייט מיך, איך בין אנטציקט. גראָד אין די פאַר־

וואָרלאָזטע פלעצער ליגט דאָס וואָס איך וויל — וועט קיינער דערפון נישט אָרימער ווערן! בפרט אז איך רעד דאָ נישט פון תבואה־פעלדער און וואסער־רעזער־ווארן. דור נאָך דור האָבן געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַ בלעטל צו אַ בלעטל. זיי האָבן געאַנט פון מיר, אַ באַרווישטן, אַ זוכנדיקן. און איצט בין איך דאָ. איך פאַרמאָג מערער ווי איך קען פאַרטאָן. איך גיי נישט אוועק איין טריט, און אָט שוין נעם איך אין דער האַנט אריין, אויף דער פלאַך פון האַנט, די שענ־סטע אוצרות. איך האָב פאַר דעם מער ליבע ווי פאַר דאָס וואָס דער קערפער ברויכט. מיין מח איז מיר איידעלער דערצויגן געוואָרן. ער איז דאָס קראַנקע קינד וואָס וויל דאָס טעלערל פון הימל.

אָפטמאָל טוט מיר אַזוי באַנג וואָס איך קען אייך נישט פאַרגיטיקן פאַר דאָס וואָס איר האָט מיר געלאָזן ווען איר זענט אוועק. ווען אַ מענטש שטעלט מיר אוועק אַ קריגל מילך באַ דער טיר — איך וואָלט דאָך אוועק־געגאַנגען צו אים אין הויז און באַדאַנקט. און אייך, איר הערט דאָך מיך נישט. ווען איך קען גלויבן אַז איר קענט מיך הערן, איך וואָלט געקושט די ערד וואו איר ליגט: באַך, שפינאָזאַ, גרעקאָ, שעלי, סעזאַן, דוד המלך.

7

נעכטן אָוונט איז די לבנה אַ קלאָרע אַ קרישטאָלענע געהאנגען איבער'ן ווייסן טייך אין די בערג, די לבנה הינטער הויכע שטילע ביימער. היינט איז די לבנה אַן אַנדערע, אין פאַרנעפּלטן גאָלד, אויפ'ן טונקעלן טייך. איך הער זיך איין אין דער שטילקייט, און עס איז אַן אַנדערע שטילקייט. איך זע צוויי לבנה'ס, אַ קרישטאָלענע און אַ גאָלדענע. דער נעכטן שטייט מיר פאַר די אויגן צוזאַמען מיט'ן היינט, איינס באַ ס'אַנדערע. די נעכטיקע שטימען הער איך היינט אָן שום שווערקייט. און די נעכטיקע פּאַסירונגען — אויך איינס באַ ס'אַנדערע, איינס אינ'ם אַנדערן. איך געדענק די נעכטיקע איינזאַמקייט, און די היינטיקע. אָבער דער נעכטיקער געלעכטער קלינגט היינט טרוקן, שפּאָטיש. ניין, די מאָרגנדיקע פרייד איז מיר נישט קיין פרייד היינט. זי צורודערט מיך. איך שרעק מיך אַז איך וועל זי אויסשעפּן היינט. עך, די מאָרגנדיקע פרייד וועט ליגן אין מיינע אָרימס, וועט מיר אָטעמען אין פּנים אַריין און קושן די ציין. די לבנה וועט זיין אַ בלוט־רויטע. מאָרגן אָוונט, איך ווייס, איך וועל ווען צאַמען מיינע בלוטן: זייט שטיל, מאַך צו די גוטע אויגן, שלאָף, ס'איז דאָך קיינער נישטאָ. ווער ווייס צי איך וועל זיך קענען גובר זיין. אפילו היינט, אַזוי וויל מיין פאַרשאָלטן בלוט, איז זי דאָ. איך זע זי. איך

ריר זי אָן. איך וואָלט באַדאַרפט זיך אויסלערנען לאָזן צורו די מאָרגנדיקע פרייד. אָבער ווי אַזוי, אַז דער מאָרגן איז דאָך שוין דאָ איצט. ווי דען? וואו דען זאָל ער ווײַלן ביז מאָרגן, אויב נישט דאָ מיט מיר היינט? יאָ, דער מאָרגן איז שוין דאָ, די רויטע לבנה, און די קרישטאָלענע, אַזוי גוט ווי די גאָלדענע.

די מאָרגנס וואָלטן באַדאַרפט קומען ווי אַ שטורים פון אַ קלאָרן הימל. אָבער עס נעמט זיי לאַנג דאָס קומען. איך וואַרט מיט געשפּאַנטקייט. דער פלינקער מח איז אומגעדולדיק. דער מאָרגן קומט, דער מאָרגן קומט, ער קומט, ער קומט. זעסט אַמאָל אַ מענטש לאָזט זיך לויפן. ווען ער קומט צו נאָענט, הויבט ער אָן גיין פּאַמעלעכער, און ווען ער איז שוין דאָ, זעצט ער זיך גאָר אַוועק וואַרטן.

מײַן מח איז דאָך נישט קיין שפּילצייג, אַז איך זאָל זיך שפּילן דערמיט. ניין, איך בין אַליין דאָס שפּילצייג, און עמיצער אַ פרעמדער טרייבט שפּאַס מיט מיר. איך וועל זיך צאַמען. איך וויל אָפּשטעלן דאָס שפּיל. אומזיסט. די בלוט־רויטע לבנה גייט אויף איבער׳ן טונקעלן טייך אין די בערג, און שטעלט זיך אַוועק אין הימל אַנטקעגן דער לבנה אין פאַרנעפּלטן גאָלד. די נעכטיקע פרייד קען איך נאָך ווי עס איז פאַרטראָגן, אָבער די מאָרגנדיקע פרייד — דאָס איז שווידערלעך. איך וואַש מיר די הענט אין קאַלטן וואַ־סער און רייב מיר ס׳פּנים און דעם קאָפּ.

8

איך האָב ליב אַ מיידל, זי מיך אויך. דאָס איז גאַנץ
נאַטירלעך — אַז מענער ליבן פרויען און פרויען,
מענער. אָבער פאַר מיר איז דאָס נישט אַזוי פּשוט.
צייטנווייז איז מיין ליבע, משוגעת. דאָס איז אין מאַ־
מענטן פון שטורים, פון צופלוס. צייטנווייז בין איך
גלייכגילטיק. אַזוי ווי יעדער איינער מענטש בין איך
אָפט גלאַט פאַרשלאָפן, טויב און בלינד פאַר אַלץ אין
דער וועלט. אין אָנהויב האָב איך זי דערזען מיט אירע
חסרונות. איצט איז זי פולקאָמען. קיין מענטש איז
פאַר מיר נאָך נישט געווען אַזוי פולקאָמען און גאַנץ.
נו, איך גלויב אַז איך בין נישט פאַר דער צייט בלינד
געוואָרן, און האָף אַז איך בין נישט ווייניקער עמפינד־
לעך ווי געווען, אָבער דאָך שטערן מיר מער נישט
אירע חסרונות. זיי זענען פאַר איר אייגן. מען קען
זי זיך אַנדערש נישט פאָרשטעלן. די אַלע שטריכן
זענען מיר געוואָרן אַזוי ווי סמנים מיט וועלכע איך
קען זי גיכער דערקענען, און זיי רייצן מיך. איך קען
דאָס נישט פאַרשטיין. זי איז מיין אמת'ע ליבע און
איך שטרעק זיך צו איר מיט גרוים בענקשאַפט. איך
זע איר יעדן ווענד און שטעל — און זי איז וואונדער־
לעך. צי האָבן זיך דאָס נישט מיינע אויגן געעפנט
פאַר אַ נייעם חוש פון שיינקייט? איך פאַרגלייך זי
נישט מיט'ן אידעאַל פאַר פרויען. איך מעסט אַלע

פרויען לויט מיין געליבטער, און איך מוז זאָגן אַז זיי פאַרמאָגן קיינער נישט איר שטעל, איר קענען מענטשן, איר שטילע באַשיידנקייט, אירע שיינע אויגען, אירע היפטן, און נאָך און נאָך.

אָפטמאָל פיל איך זי גייט ארום אין מיר. אויף מיין וואָרט, איך גלויב אַז איך אַנטהאַלט זי, אַזוי ווי איך אַנטהאַלט מיין מח, און דער מח די וועלט. און זי באַוועגט זיך אין מיר א גאַנצע, אין איר אייגענעם פורים, נישט קיין אנטוואורף פון איר, נאָר זי אליין. ווען איך שלאָף מיט איר וויל איך זי אויך אַזוי אריינ־נעמען צו זיך. נעם איך זי ארום און האַלדז זי — אָבער אומעגלעך. מיין ווילדער פאַרלאַנג בלייבט אַן אומבאַפרידיקטער. וואָס מיר קענען יאָ טאָן, איז זיך צו פארקניפּן אין ליבע, זיך צו פאַרלירן, זיך איבערצו־געבן אין רשות פון א כח וואָס איז שטאַרקער פון אונדז. מיר פאַרגעסן אָן אַלע און אָן זיך און מיט די נאַקעטע אינסטינקטן שיפן מיר זיך אַרום אין די וואַ־סערן פון פאַרגעסן וואָס הינטער די הרי חושך — און אַזוי ביז די בלויע וואלן ווארפן אונדז ארויס אויפן ברעג.

און ווען זי פאַרלאָזט מיך און גייט אַוועק צו אירע פליכטן פון טאָג, און איך מיין וועג, לייד איך אַזוינע יסורים אַזוי ווי מען וואָלט מיר אָפּגעשניטן א האַנט. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך שיידן? טאַקע, פאַרוואָס שנייד איך נישט אָפּ די האַנט נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעטאָן איר ארבעט? מיין האַנט מוז מיט מיר בלייבן אויף

שטענדיק. און מען שאַצט דאָך נישט קיין האַנט בלויז לויט דעם נוצן וואָס זי ברענגט. אָבער דאָך, זי, פון נויטיקייט ווענן גייט אוועק פון מיר. מאַך איך זיך האַרץ און זאָג: זאָל זיין זי איז געשטאָרבן. די נויטיקייט האָט נישט אין ערך ווייניקער געוויכט ווי דער טויט. אָבער דאָס אַלץ קאָן מיר נישט פאַרלייכטערן דאָס געמיט. גיי איך אַרוים אין גאַס, שלייע זיך אַרום אין פּאַרק, פאַל אַריין ערגעץ אין אַ טאַנץ־זאַל. זי איז אין ערגעץ נישטאָ. דאָ ווידער זענען אַלע זייער קלוגע מיידלעך, שיינע, געשיקטע. אָבער ווי קומען זיי צו מיין געליבטער? ווער איז נאָך אַזוי שיין ווי זי? ווער וועט מיר ברענגען אַזוי פיל עכטע פרייד, אַזוי פיל ביטערע ליידן? ווער איז נאָך אַזוי גוט ווי זי, און אַזוי אומבאַגרייפלעך? ניין, קיינער נישט. פּלוצלונג ווערט מיר קלאָר, איך מוז זי אומבאַדינגט זען, זען מיט די אייגענע אויגן. אָבער ווי אַזוי? איך פאַרמאַך די אויגן און דערזע זי — זי מיין טייערסטע, מיין כלה. איך שטרעק אויס די הענט. מיינע הענט מאַנען צו שטאַרק. זיי הילדעווען ווען זיי טאַפּן אָן הוילע לופט. און זי שטייט דאָרט ווייט ערגעץ אין אַ צימער און באַגיסט די בלומען וואָס אויפ׳ן פענסטער. עס דוכט זיך מיר זי וויינט. מענער זענען נישט אַזוי לייכט אויף טרערן. דאָך פיל איך מיינע אויגן זענען מיר אויך נישט טרוקן.

און ווען איך בין גלייכגילטיק צו אַזאַ ליבע, בין איך ערגער ווי געשטאָרבן.

פאַרשטייט זיך, מיין געליבטע איז פאַרשטענדיקער פון מיר. אָבער איך פון מיין זייט ווייס, אַז מען ווערט נישט אָפּגעפרעמט בלויז פון דעם וואָס מען איז צוזאַ־מען מאַן און ווייב. איך וויל זי, און וועל נישט קומען צו איר מיט קיין קרומע וועגן. אויב ליבע הייסט ליבע פון דערוווייטנס, גאָט אין הימל! זענען מיר דען נישט גענוג אָפּגעשייט איינער פון צווייטן ווען מיר האָבן נישט ביידע איין מח מיט איין געהירן? אָדער אויב דו ווילסט, איין לייב פון איין פלייש און בלוט? און ווי אַזוי וועט אונדזער ליבע ליידן, אַז איך וועל וויסן די נאָענטקייט פון אירע היפּטן און בריסט? וואָס וועל איך נאָך אַזוי גוט וויסן ווי די פינגער פון מיין רעכ־טער האַנט? דאָך מיט איר גאַנצער פאַרשטאַנדיקייט, שטייט זי דאָרט אַליין באַם פענסטער, און קוקט אויס אויף מיר, און איך דאָ מיט מיין ליידנשאַפט, שרייב איצט און גיי נישט צו איר.

זי האָט געבראַכט צו דעם אַז איך זאָל מיך פאַר־טיפן וועגן אַבסטראַקטער פאָרם, ווייל קיין זאַך איז פאַר מיר נאָך נישט געווען אַזוי ממשות'דיק און עכט ווי איר טונקל־גאָלדן לייב, פון דער ווייטנס נאָכמער ווי פון נאָענט. און איך האָב דאָס ליב צו זען און וויל דאָס באַגרייפן. און איך קום צום שלום, אַז עס איז נישטאָ גאָרנישט אַ חוץ אַבסטראַקטער פאָרם און מען קען דאָס קיינמאָל נישט האָבן נאָענט גענוג. אַז אפשר דער דראַנג קען זיין פולקאָם, אָבער די דער־גרייכונג קיינמאָל נישט. דאָס איינגענע מיט מיין ליב־

שאַפט צו איר, אָבער נישט מיט דער דערפילונג. און מיך פאַרדריסט אויפ'ן מח וואָס האָט זיך אַוועקגע־שטעלט צווישן מיר און מיין געליבטער און דערלאָזט נישט צו קיין דערפילונג. אָבער דער מח, דער אַלטער כעסן, בייזערט זיך און זאָגט: „וואו וואָלט זי דען איצט געווען ווען נישט איך? בין איך דען נישט די קרוג וואָס האַלט זי אויף ווי ווײַן! און דער שפּיגל וואָס באַ'חנ'ט און באַשיינט זי?"

נו, וואָס זאָל איך טאָן? אַבסטראַקטע פאָרם איז אונדזער גאַנץ לעבן — די טראַגעדיע וואו מיר ליבן און שטאַרבן. דאָס הייסט, אויב מיר נעמען דאָס אָן באהבה. אויב נישט, איז דאָס גאָר ביטער ווי סם.

איצט אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט, וועל איך איינ־דרייען די קנויט פון מיינע שווערע רעיונות און זיך לייגן שלאָפן, און אַז איך וועל דיך טרעפן אין שלאָף, וועל איך מיט דיר אַוועקגיין שפּאַצירן אין וואַלד.

9

איך פיל זיך געקרענקט און באַליידיקט ווען איך דאַרף זיך שטופּן אין געדרענג אין גאַס. איך אַנט־לויף אַרויס פון פּאַרק ווי נאָר איך דערבליק אַזוי־פיל מענטשן צולייגט אויף די הילצערנע בענק. איך גיי אַרום אַ פאַרלוירענער צווישן די זאַטע און צופרידע־נע. איך קוק זיי אָן און דערקען נישט דעם מענטש

צוליב דער מאסקע וואָס ער טראָגט. מאסקן זענען אַלע אָפּשײַלעך, אָבער צומייסטנס זענען דאָס די מאַסקן וואָס מענטשן טראָגן אין גאַס. איך גנבֿ'ע זיך דורך דורך הינטערגעסלעך צו דער איינזאַמקייט פֿון מײַן צימער. דאָ איז גוט, מיט אַן איינציקן גוטן פֿרײַנט, גוט צו פֿירן אַן ערנסטן געשפּרעך. און דאַן לאָמיר זאָגן, קומט צוגיין איינער אַ געהויבענער גאַסט, ווי אַ שטײַגער שעלי אָדער באַך! דאָס איז דאָך פּשוטער ווי אַ געדרענג אין גאַס. ווי אַזוי עס קען זיך צוזאַמענקלײַבן אַזאַ מאַסע אויף איין אָרט, איז אומבאַגרײַפֿלעך. וואָס האָט זיי באַוואויגן צו קומען אַהער אַלע מיטאַמאָל, זיך שטופּנדיק מיט די עלנבויגנס, און מיט זייער נעטן גלײַכגילטיקן אויסזען!

איך קלער מיר, אַז מיט דער צײַט וועט די וועלט זײַן אַזוי איבערגעפּאַקט מיט מענטשן אַז די גאַס וועט נישט האָבן פּלאַץ פֿאַר אַלעמען, און מען וועט קומען שטעפּן לויט דער ריי. וועלן דעמאָלט אַלע עפּנטלעכע פּלעצער האָבן דאָס אויסזען פֿון אַ פּאַראַד, און אויב איינער אַ מענטש וועט זיך אַרומטראָגן מיט אַ חלום אין האַרצן וועט ער נישט קאָנען גיין אויפֿן טראָטואַר מיט אַנדערע מענטשן.

מיין שטוב ווייס פון פארשידענערליי קלאַנגען, אָבער נישט דעם קלאַנג פון מיין אייגן קול. כאָטש מיין שטוב ווי עס דאַכט זיך מיר איז פול דער־מיט, ווייל מיינע געדאַנקען באַווייזן זיך פאַר מיר צו־מייסט דורך דער פריזמע פון וואָרט־קלאַנגען. דאָך איך רעד נישט ארויס מיינע רייד מיט די ליפּן, און די פיר ווענט האָבן נישט די מינדעסטע אנונג פון דעם וואָס גייט פאָר אין דעם געפייניקטן, פיבערישן לייב. אמת, אמאָל כאַפּט זיך ארויס פון מויל א געמורמל, איין וואָרט, א נאָמען — אָבער מער גאָרנישט.

פון דעם ווייסן פאַרשריבענעם בלאט אראָפּ, הער איך א פלאָנטער פון קלאַנגען, דינע, פולע, שטארקע. און אין אויער פון מח הער איך מיין קול ווי א לע־בעדיק וועזן, ווי עס שטייגט און פאלט, מאָנט און בא־פעלט. ווערטער פון מיינע געדאַנקען, לאָזט זיך פאַ־נאנדער איבערן צימער, איר וואָס זענט באשאפן אויף צו דערוועקן דעם איידעלן חוש פון געהער, וואָס גארט אזוי נאָך א מענטשנס קול. אויב קיינער וועט נישט קומען און רעדן צו מיר, וועל איך אליין מוזן רעדן צו זיך.

מיט די אויפגעוואַכטע חושים פאַרנעם איך די דרוי־סנדיקע קלאַנגען וואָס קומען ווי פייגל צו מיינע אָפענע פענסטער: דאָס נאָענטע און ווייטע דונערן פון די אייזערנע צונגן איבער די רעלסן, דאָס שווערע

אָטעמען פון די פּאַסאַזשיר־דאַמף־שיפן און שלעפּ־שיפן, דאָס צוקן פון די קליינע מאָטאָר־שיפלעך. דאָ אין שטוב הער איך דאָס קלאַפּן פון זייגער, דאָס קראַצן פון דער גאָלדענער פּעדער אויפן פּאַפּיר, דאָס סומיען פון די וואַסער־רערן, דאָס קרעכצן פונם בענקל, דאָס שאַרן פון דער האַנט איבערן שטערן, און אַ גריל אין קאַמין. אָבער טראָץ די אַלע קלאַנגען איז פּאָרט מוראַדיק שטיל, און איך שטעל מיר פאָר די פרייד וואָס עס וואָלט זיין צו הערן אַ לעבעדיקע שטים, אַ פאַרשטענדלעכע מענטשלעכע שטים. און אָט בין איך, אַ ים מיט ווערטער אין מויל און אין די אויערן פונם קאָפּ, טויב ווי די וואַנט.

דאָך, מאַנכעסמאָל ווערן די שטומע ווערטער פאַר־וואַנדלט אין רייד, און איך הער באַשיינפּערלעך ווי מען רעט, אַ ביסל פאַרשטיקט אָבער קלאָר. אַ מענטשלעך קול רעט און דער מענטש איז נישטאָ. באַפאַלט מיך דעמאָלט אַ פּחד — איך שפּיר איך וועל משוגע ווערן.

11

אַלטע לייט דערשמעקן באַלד אַז עס קומט אָן אַ ביסל שיין וועטער, וואו זיי זיצן דאָרט ערגעץ אין די פאַרהאַקטע ווילגאָטנע שטיבער. און זיי נעמען זיך שאַרן אין פּאַרק אַריין און דאָרטן לאָזן זיי זיך

שווערלעך אראָפּ אויף די פאַרשטויבטע האַרטע בענק אין דער וואַרימער זון. און איך זיץ אויך מיט זיי ווייל איך האָב וועגן עפּעס צו טראַכטן. ענגבערט מיר אין קאָפּ קהלת'עס וואָרט, אַז אַלץ איז נאַריש. די לאַנג־זאַמע באַוועגונגען פון די אַלטע לייט, זייער רעדן, זייער טראַכטן, און יעדער מיט זיין אַלטער מעשה איבערצודערציילן, וואָס איז אַזוי טרוקן און אָן טעם— ברענגען מיך אַרויס פון געדולט. נישטאָ בײַ זיי קיין שאַרפזין, קיין איידלקייט, קיין איינבילדונג — און אָן פאַרשטענדעניש רעדן זיי פון די געשעענישן פון דער טעגלעכער צייטונג אַרוים און פון וועמ ס'איז געשטאָרבן און וואָס ס'איז אַמאָל געווען וואָס היינט איז דאָס נישט אַזוי. די בערג ווי טונקל־רויטע ווענט פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט די אָרימע גלייכגילטיקע הייזער און די ביימער דריי־פערטל נאַקעט — שטייען אַלס פּאַסיקער הינטער־גרונט פאַר די איינגעחזרטע רייד וואָס רעדן שוין אַליין און קומען נישט פון אָרט אוועק. מיין גייסט רייסט זיך ווי אַ יונג פערדל אויף צו אַנטלויפן, אָבער איבערגעוואַלט האַלט איך זיך אויף דער באַנק. איך וועל אויף אַ ווײַלע זיך אַנטרינקען מיט דעם גראָען סם, אפשר וועל איך זיי נעמען טיפער פאַרשטיין, די אַלטע לייט, און האָבן מיט זיי מער איינזעעניש. דער־זע איך זיך פּלוצלונג אַליין אַלס אַלטן צובראָכענעם מענטשן — ווער איך אַ פאַרציטערטער און קריג אויף זיך גרויס רחמנות. און איך זע ווי איך זיץ

און מיין געדאַנק שטייט פאַר מיר אַ געלעמטער און וויינט און קען זיך נישט רירן פון אָרט, און איך קען אים נישט נעמען פאַר דער האַנט און אַוועקפירן און טרייסטן.

און אַזוי קלערנדיק דערגיי איך אַביסל צו גיך און נישט איבערגעלייגט צום אויספיר, צוזאַמען מיט יענעם גריכישן פילאָזאָף וואָס האָט אַמאָל אין שלעכטן מוט געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז אַ גוטע זאַך בלויז דערפאַר וואָס מיר האָבן אין אונדזער רשות דאָס צו יעדער צייט איבערצורייסן. און אַזוי אויך זאָג איך צו זיך איצט, אַז נאָך איידער איך וועל דערגרייכן צו אַזאַ הילפלאָזער עלטער וועל איך מאַכן אַ סוף צו זיך.

אָבער באַלד הייבט מיר אָן קלאָר צו ווערן און איך נעם באַגרייפן אַז עס מוז זיין, אַז עס איז פאַראַן אַ טיפער זין אין דעם לעבן גופא, אפילו אויב דאָס זאָל זיך נישט אַנטפּלעקן דורך אונדזער באַוואוסטזיין. ווייל דער חכם אַזוי גוט ווי דער נאַר, אָן זיין וויסן, וויל פאַרט לעבן, און אפילו אַ חיה וויל לעבן. און דאָס וואָס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט איידער מיר האָבן פאַרמאָגט אַ באַוואוסטזיין, און דאָס וואָס שטאַרבן וועלן מיר אויך אָן צו האָבן אין דעם אָן אייגענע דעה — דאָס באַווייזט אַז דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז אַ גאַנצע און איינהייטלעכע זאַך. און אַ מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן בלויז אויף צו דינען יענעם און אויף צו געבוירן אַ צווייטן, נאָר אויך אויף צו זיין עפעס אַן און פאַר זיך און אָפּגע־

שלאָסן אין זיך — ווייל מיט יעדן מענטשן וואָלט זיך געקענט אָפּשטעלן דער מענטשלעכער מין. און אז א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט נעמט ער מיט זיך גאָרנישט נישט מיט, און פון די וואָס בלייבן נעמט ער גאָרנישט נישט אוועק. און דעריבער זאָלן די אַלטע לייט אויסלעבן זייער עלטער, ווייל אפילו אויב אין אונדזערע בלינדע אויגן האָבן זיי מער קיין נוצן נישט, האָבן זיי זייער אייגענעם לעבנס־קרייז צו דערגאַנצן. און עס מוז אויך זיין פאראַנען עפּעס א גרויסע, שטילע, באהאלטענע פרייד אין טיפן על־טער.

און אז איך בין דערגאַנגען צו אזא געדאַנק, ווערט מיר מיטאמאָל שטאַרק ניחא דאָס לעבן, און די פרייד שטויסט מיך צו אַנטלויפן פון דער שטאָט אַרויס, ער־געץ זיך אוועקצוזעצן אין אַן אָפן פעלד.

12

האָב איך אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער מיט מענטשן. בלייבט מיר איבער צו לעבן מיט איבערלעבונגען. גלויבן און אמאָל א שטיקל האָפנונג מאַכן דאָס עטוואָס גרינגער און צו דערליידן. לוינט זיך דאָס אָבער! עך, מיין הארץ איז א הארץ פון טרויער. א שאָטן האָט זיך דאָ אוועקגעלייגט אין מיר, אָבער דער מענטש פון דעם שאָטן איז מער נישטאָ. וואו ער איז וויים

איך נישט און טרעפן האָב איך מורא. ליבע איז אן אומזין. עס קומט קיין גוטס דערפון נישט ארויס. עס פירט צו גאָרנישט. דער חסרון איז, איך פאַרלאַנג צו ווייניק — אָט דערפאַר פיל איך זיך ווי א בעטלער. דער גאַנצער אמת איז אז ווען איך פאָדער יאָ עפּעס מער, האָב איך דארויף חרטה און מוסר זיך אויס: וואָס פארא רעכט האָב איך דארויף? און אז דאָס איז בלויז דער אָנהויב אזא, איז מיט וואָס קען זיך שוין אזא ליבע אויסלאָזן?

13

אי בער א געוויסן פונקט קען זיך דער רייכער מער גאָר נישט איינשאפן מיט זיין עשירות א חוץ אוי־בערפלעכלעכקייטן. און זיין גאָלד אַרבעט אויס פון גוטע ערלעכע מענטשן לאקייען און משרתים. איך בין נישט מקנא די רייכע. פאַרקערט, איך פאַראַכט זיי. דאָס געוויסן איז בא זיי צוגלייך מיט׳ן שטויב פון גאַס, מיט זייער שמוציקער צדקה שפייען זיי אָן אין פנים דעם ערלעכן מענטשן. זיי מאכן פאלן דאָס דער־הויבענע, און פירן איין פאַלשע ווערטן. זייערע גע־דאנקען זענען פארפוילט. זיי האָבן קיין מוט נישט. ווער פון זיי וועט זיך אָפזאָגן פון צו פאַרכאַפּן מער? ווער פון זיי וועט עפּעס טאָן פאר מער ווי אייגן נוץ? האָבן זיי טאַקע אין דער אמת׳ן דערצווינגן אונדזער

קולטור? זיי האָבן געקויפט א ווייב אויף צו טאָן זייער ווילן. זיי האָבן געדונגען מענטשן זיי צו שרייבן ביכער, מאָלן בילדער, פאַרפאַסן מוזיק — אַלץ צוליב זייער תאווה צו באַזיצן, צו באַהערשן. מיר זענען ניט־געבעטענע געקומען צו א פרעמדער שמחה — זייער חכמה איז נישט פאַר אונדז, נאָר פאַר פראַנטן.

אויף צוויי פראַגן באַדאַרף א מענטש געפינען אַן ענטפער: וואָס זענען מיינע נויטיקסטע נויטן, און וו:ם קען איך אַמבעסטן טאָן?

דער גלויבן אין געלד איז א גלויבן אין געוואַלט, און אין דרויסנדיקן כח. דערפאַר זאָג איך, אז זיי האָבען קיין מוט נישט. ווער האָט נאָך אזוי ווייניק צוטרויען צו די געזונטע חושים? זיי זענען די ציניקער, און מאַכן ביליק דאָס לעבן. זיי מאַכן דעם אָנשטעל אַז זיי זענען די אַרכיטעקטן פון זייערע פּאַלאַצן. די אינזשינירן פון זייערע רייכטימער. זיי זענען אפילו דאָס אויך נישט — זיי נאַרן אַפּ אפילו זיך אליין.

איך וואָלט געזאָגט, לאָזט זיי צורו, זיי וועלן צופאַלן פון אייגענער פאַרפוילטקייט, ווען נישט דעם גרויסן שאָדן וואָס זיי טוען אָן, וואָס זיי רייצן אָן די הינט פון מלחמה, שיקן אָן הונגער אין לאַנד, און פאַר׳עיפּוש׳ן מענטשנ׳ס מחות.

14

איך האָב אַמאָל באַאָבאַכט אַ מאָלער וואָס איז געשטאַנען פאַר א בארג מיט א טייך, מאָלנדיק מיט ריינע ניט־געמישטע פארבן, בלוי, רויט, און ליבטיק גאָלדן געל. דער טאָג איז געווען אָנהויב פרילינג, אַ שטילער, שטימונגספולער טאָג. בין איך אַזוי געשטאַנען אַ צוטומלטער און באַטראַכט אָט די לייוונט און אָט דעם טאָג, און נישט געוואוסט צי דאַרף איך לאַכן פון מאָלער וואָס ער זעט נישט דעם טאָג, צי זאָל איך זיין אנטוישט אין זיך וואָס איך זע נישט דאָס וואָס עס איז מעגלעך אז דער מאָלער זעט יאָ. בין איך פאר אַ צייט אַרומגעגאַנגען אַ צוטראָגענער, ביז איינמאָל קומט צו מיר דער פשוטער געדאַנק אז קינסטלער זעען טאַקע יאָ די קאָליר אין דער נאַטור אַזוי ווי זי איז, א רואיקע, און די פאָרמען צעוואקסן און פארפלאָנטערט. זיי איבערטרייבן אָבער די קאָליר און פאראיינפאכן די פאָרם מיט א כיוון. דאָס הייסט, האָב איך זיך געקלערט, אז קינסטלער זענען אויף־צו־פלייסנס ליגנער וואָס קערן איבער דעם אָנגעגעבענעם פאקט, צילנדיק אויף איבעראַשונגען.

און אז איך בין געקומען צו אזא אויספיר, בין איך געווען צופרידן מיט זיך, וואָרים איך זע דאָך דאָס ווארשיינלעכע נישט ערגער ווי יעדער איינער.

אָבער מיט דער צייט האָב איך גענומען פאַרשטיין

אז דאָס וואָס מען רופט דאָס ווארשיינלעכע איז נישט קיין פעסטגעשטעלטע זאַך — נאָר פאַרקערט, אז די נאַטור און אַלץ בייט זיך לויט דעם מענטשנס פאַרשטאַנד. און מען זעט דאָך באַשיינפערלעך ווי א מענטשנס פארשטאַנד ווערט שארפער, דינער, עמפינדלעכער. נאָך א זאַך, קונסט נויטיקט זיך נישט דורכאויס אין דער נאַטור. וואָרים עס איז זיך גאָר נישט פאָרצושטעלן אזא זאַך וואָס דער פארשטאַנד האָט דאָס נישט עמפינדן. און דערפון אויך איז געדרונגען אז וואָס דער מענטש עמפינט, לעבט. און אזוי ווי דער מענטש טראָגט אין זיך ארום די עלעמענטן וואָס זענען נאָר ערגעץ־וואו פאַראַנען אויף דער גאַנצער וועלט, איז דערפאַר א מענטש, ווען ער זאָל שטארק וועלן קען ער זיך אויסשמעלצן אויף א נייע וועלט וואָס וואָלט זיין אזוי עכט און וואָרהאפטיק ווי די נאַטור. פאָרם, ריטעם, דער געפיל פאר געבוי און גלייכגעוויכט — אלץ, אלץ פארמאָגט דער מענטש. און דאָס איז נישט עפּעס א נאָכאמונג אָדער אנטלייט פון דער נאטור נאָר גלייכצייטיק א יסוד פון מענטשן אזוי גוט ווי פון דער נאטור. צי זאכן האָבן א זינען אָן־און־פאר־זיך וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגיין — פאר דעם מענטשן איז אלץ שטאָף, און אויב זיין גייסט איז בכח קען ער מאכן דעם שטאָף אויפלעבן פון דאָסניי און האָבן א זינען.

עס פארשטייט זיך אז דער מאָלער מוז זיך רעכענען מיט די איינגנשאפטן פון די פארבן, לייוונט, פינז־

לען—מיט די טראַדיציעס פון די שטאָפן—ס'איז דאָך נישט קיין נייע קונסט דאָס מאָלן. אָבער די פאָרמען, די ליניען, קאָליר און דעסגלייכן זענען אזוי ענלעך אויפן קינסטלער ווי ברידער. ס'איז א צייכן פונם קינסטלער, אַן אָפּשפּיגלונג. און אַמאָל אַ שטיל־לעבן—אַ טיש מיט עפּל—קען האָבן גרויס ווירדע, ווען אינם מאָלן איז דאָ ווירדע. און אמאָל א פערד שטייט אין א פעלד, און אָט וועט דאָס פערד זיך באלד אויפ־הייבן און אוועק, ווייל דאָס מאָלן האָט אין זיך באַ־וועגלעכקייט. נישט דער סוזשעט איז דער עיקר, נאָר דעם מאָלערס באַגריף, דאָס הייסט, דאָס וואָס פּאַרא חושים אינם קינסטלער זענען אמלעבעדיקסטן. די גע־דאַנקען וואָס דער באַרג טראַכט זענען די געדאַנקען וואָס איך טראַכט וועגן באַרג.

15

א דורשט ברענט מיר אין מח. איך בין דורשטיק נאָך רו, אַז איך זאָל זיך קענען פאַרטראַכטן וועגן די אָן־א־צאָל שאָטנס, וואָס ליגן מיר אין וועג פון פאָרנט און פון הינטן און איך שפּרייז אַרום אין זיי, אין דער צייט ווען ס'איז נישטאָ קיין זון אין הימל און אויך קיין שום אַנדער ליכט. אפילו דאָס וואָס האָט גע־וואָרפן דעם שאָטן, איז נאָך נישטאָ. זאַכן דאַרף מען דאָך קענען אָנטאַפּן. אפילו געדאַנקען האָבן אַ ממשות,

אויב זיי זענען געדאנקען און נישט קיין פאנטאזמאגארן.
אבער דאס זענען אומקלארע, פארמלאזע שאטנס, פיי־
נען ווי שטאלענע רייפן ארום מיין לייב. איך פיל זיך
געקראמפט און געקוועלט, געיאגט ווי א יעגער יאגט
א הירש. אויב איך וואלט זיך געקענט פארטראכטן
און זיצן לאנג פארטיפט און טראכטן, וואלט איך גע־
קומען צו אן אויספיר. אבער די פלוצימדיקע אויפ־
וואלן צושטערן די רו וואס איך גאר און איך קען
נישט באקומען אריינצובליקן אין פנים פון מיין פיין.

איך בין נישט קיין אפאראט אויף צו מאלן, און קיין
געדונגענער שרייבער. אלץ וואס איך טו האט קיין
פאלשע אבזיכט. איך טו, ווייל איך מוז. איך האב
נישט קיין אומריינע צילן. מיינע הענט זענען ווייס.
דאך פארפאלגן מיך שאטנס, בלענדן מיר די אויגן
און פארפירן מיינע טריט דער טייוול ווייס וואו. גיי
איך ארום אין גאס, עס, שלאף, פארברענג מיט פריינט,
און מיט אמאל קומט אויף מיר אן א דורשט ווי א
פייער זיך אוועקצורייסן פון אלץ און זיצן אין א שטיל
ארט און טראכטן: איך גיי ווי א פערד אין שפאן, און
וויים נישט צו וואס. איך זע עס רוקט זיך אויף מיר
אן דער טויט, און איך פארשטיי דערפון גארנישט.
אמת, אז איך געפין אפט א טרייסט אין מיין אר־
בעט. אבער ווער ווייס נאך אזוי גוט ווי איך ווי ווייט
דאס דערפירט מיך נישט צו יענער גע'חלומ'טער
פרייד.

פאר א צייט לויף איך נאך מיינע משוגענע אפע־

טיטן ביז עס קומט איך קען נישט מער, און אַ דורשט נעמט פיבערן מיין גאַנץ לייב: אַט דאָס איז מיין טעג־לעך ברויט? און דערויף בין איך געבוירן געוואָרן? און ווייטער פרעג איך: מיין לעבן איז מיינס טאַקע אין דער׳אמת׳ן? וואָס פון מיר איז דאָס געוואָרן! ער־לעכקייט, ליבע — פוסטקייטן. און דאָס אייגענע מיט פריינטשאַפט, מיט קונסט.

ניין, איך מוז אַוועקגיין פונ׳ם טומל, זיך איינלעבן אין אַ שטיל אָרט, אַריינטראַכטן אין זיך. זאָל דער שטויב צופרעסן די קליידער; זאָל דער הונגער איינ־דאַרן דעם בויך. אפשר וועט דער אמת פאַר מיר אָנ־הויבן צו לייכטן, און איך וועל קענען צו זיך צוקומען נאָענט. די שאָטנס וועלן נעלם ווערן. איך וועל אַרויס־רייסן די ווילדע ווייטאָקן און זאָלן זיי אויך אַוועק, געטראָגן פון שטילן ווינט וואָס אין שטילע אָפּגע־צאַמטע ערטער.

16

איך קען נישט שטענדיק וויסן גענוי וואָספאַרא בוך איך האָב אויסגעקליבן אויף צו לייענען. פאַראַן שער־בלעטער און ערשטע זייטן וואָס מאַכן אַ פאַלשן איינדרוק. און פאַראַן שרייבער וואָס אַנטוישן. אויך קומט מיר אָפט אויס צו זען זאַכן וואָס איך וואָלט נישט אויסגעקליבן אויף צו זען. אָבער אַ מין נייגער —

צי איז דאָס מעגלעך פוילקייט — צווינגט מיך בלייבן אויסזיצן דאָס שטיק אָדער דורכלייענען דאָס בוך, דערעסן ביז גאָר, אָבער פּאַרט וואַך און מיט דער האָפֿנונג אַז עפּעס וועט אפשר געשעען, צי עס וועט זיך כאַטש אַ ווייַז טאָן עפּעס אַ שיין אָדער אַן אַנדייט פון עפּעס. אָט האַלט עס שוין באַלד באַם סוף און איך זיץ נאָך אַלץ ווי אַ צוגענאַגלטער. און איך מאַך מיר פאָרוואורפן און זאָג אַז די עמפּינדלעכקייט מיינע איז בלויז אַן איינגערעטע זאַך, און אַז אין דער אמתן בין איך נישט אין ערגעץ שאַרפזיניקער ווי אַלע וואָס באַגייסטערן זיך פאַר יעדער ווילדער נאַרישקייט.

איך פיל זיך אָבער אָפּט אויסגעשלאָסן פון אַזויפיל זאַכן פאַרגעניגנס אַ דאַנק דער ראַפינירטקייט פון מיין געשמאַק, אַז איך קען דאָס מער נישט אויסהאַלטן, און קלער, עס וועט שוין באַלד פאַר מיר נישט בלייבן קיין צושטרייאונג אויף דער גאַנצער וועלט. שטעלט זיך פאַר אַ מענטש וואָס שלאָפט און די געדאַנקן זענען בא אים וואַך. נישט ער שלאָפט, נישט ער איז וואַך, נאָר ער ליגט אין אַ הינער־פּלעט. און איך בעט ביי זיך צו שטעלן ווייניקער פאָדערונגען און צו האַנדלען ספּאָנטאַן. און אַז איך באַטראַכט זיך זע איך, אַז אויך מיינע אינסטינקטן זענען איינגעהאַלטן, געצאַמטע, געבונדענע אין שטריק. אַזוינע איידעלע, צום טייוול! און אויב מיך פאַרכאַפּט עפּעס אַ ניט־שיינע זאַך, האָב איך קיין רו נישט ביז וואַנען

איך קען דאָס נישט אויסטייטשן געציקלט, עטיש,
עס הייסט, פאַלש. וואָס איך וויל זיין און וואָס איך
בין — ס'איז לעכערלעך צו פאַרגלייכן.

איך זאָג צו זיך: לאָז אָפּ די לייצן, זאָל שוין איינ־
מאָל פּלאַצן ס'געדולט. ענטפערט מיר א קול אזוי: די
וועלט איז נישט קיין ליידיק אָרט, נאָר איז פול מיט
אלדאָסדינג. פאַראַן אזוינס פון וואָס דו ווייסט נאָך
נישט. און אַז דו וועסט וואַרטן וועסטו מעגלעך דאָס
דערזען און ס'וועט זיין דיינס. מאַך נישט צושפּאָט
דיין גרויסן אויסדויער. גאָרנישט וועט נישט פאַרלוירן
גיין. דיין געדולט איז א רייכע שטוב וואו עס זיצט
די טייערע נשמה דיינע און פירט אָן מיט דיין לעבן.

17

וואונדערלעך זענען די טויזנט אומוועגן פון מיין
האַרצן. איך פּאַס אריין מיין אייגענעם פאַל אין
יעדער מעשה וואָס איך לייען, ווי אין א פּורים,
ווייל מיין לעבן האָט אָן א שיעור פאַרענדערלעכע פּאָר־
מען. יעדע דערציילונג איז בלויז איין איינציקער מאָ־
טיוו, איין שפּיגל. קיין ווערק קען נישט אריינעמען מיין
לעבן אין גאַנצן און דאָס אָפּשליסן. פרייד, שרעק, ליבע
זענען באַזונדערקייטן, און לעבן באַזונדער אין לעגענ־
דעס. אָבער אַמאָל אין א זעלטנהייט דערבליק איך דעם
כאַאָס אין זיך און ווער שיעור משוגע — און אַז איך

קום צו זיך, לאך איך פון די דינע מאָטיווירטע קינדער־רייען — מעשות.

טויזנטער ליכטער גייען אויף אין מיין הארצן, אזוי ווי וועגן פון א וואלד ארוים. ווען איך לייען א מעשה, איז דאָס ווי איך וואָלט געגאנגען מיט איין וועג אוועק ערגעץ. און מיין הארץ האלט אין זיך אויף אזוי פיל פנימ׳ער, לייבער, ערטער, אז עס איז משוגע צו ווערן. איך טרעף זיך מיט זיי אמאָל אין פרעמדע לעגענדעס און דערקען זיי גלייך. און וואָס קאָמפּליצירטער די אידעע פון דער מעשה איז, אלע בויגזאַמער און דורכ־דרינגענדער און דינער, ווייזט זיך ארויס, איז מיין אייגענער געדאנק. אלע אָפּנבארקייטן פון דער וועלט זענען גלייך צו בינען וואָס קומען צו דער בלום פון מיין הארצן.

היינט האָט עמיצער אנגעטייט איין שוואכקייט, איין האנדלונג, איין געדאנק. מאָרגן אַן אנדערע. דאָ ווידער אין מיר שפּילן זיך אָפּ איינס, צוויי, צען האנד־לונגען מיטאמאָל. קונסט איז באשרענקט. א האנדלונג גייט מיט לאַנגישן גאנג ביז צו א הויכפּונקט — פאלט און א סוף. איך באטראכט זיך אליין, דעם געמיש פון אלע עלעמענטן, כחות, און דאָס אומבאגרייפלעכע. ליידער באַנעם איך דאָס אלץ אזוי ווי איינער זעט א ראקעט בעת ער צושיסט. פּשטות איז א סימן פון מייסטערשאפט. אָבער נאָר גאונות וואָלט געקענט שאפן א באגריף פון דעם כאָאָס פון הארצן.

פאר מיין אייגענעם הארצן שטיי איך א געפלעפ־

טער. איך קלער: איז דאָס ווי די וואָלקנס אין די פאַרנאַכטן, אָדער איז דאָס מיין אייגן באַשאַף, און האָב איך דאָרט אויסגעלייגט די טויזנט וועגן? ווייטער קלער איך: זאָל איך צווייפלען אין קונסט, און, זאָל איך דאָס האַרץ אַרויסשניידן פון לייב? קום איך צום געדאַנק: אַז ניין, ס'איז גוט אַזוי, אַז דאָס לעבן איז אַ גרויס, גרויס וואונדער.

18

ס'איז נאַכט. איך זיץ אין פענסטער. אין דרויסן ליגט דער טייך, און די בערג שטייען שוואַרצע. מיינע חושים זענען טעמפ געוואָרן. איך האָב זיך אַנטוויינט פון מענטשן. דער געהער שלאָפט. דער זין פאַר זאַכן שלאָפט. די חושים האָבן אַ גרענעץ — ציסט זיי שטאַרק אָן, פּלאַצן זיי. גיסט זיי קיין שפּייז, שטאַרבן זיי. דאָך וועל איך נישט גיין זאָגן אַז עס איז דאָ אַ מאַטעמאַטישע פאַרהעלטניש צווישן דער שפּייז און דעם געזונט און כח פון די חושים, אָדער אַז עס איז פאַראַן אַ באַשטימטער שייכות צווישן דער ווירקלעכקייט און דאָס וואָס מיר פאַרטראַכטן, דאָס הייסט, צווישן דער זאַך און אונדזער עמפינדונג דערפון. אפילו אונדזער זכרון וואָס מיר שטעלן אויף אים אַז ער איז ווי אַ שפּיגל, איז אויך נישט וואָרהאַפטיק. גלייך פירט נישט אימער צו גלייך. און קיין זאַך ווייס איך

נישט געגוי ווי אזוי זי קומט. איצט אָבער שלאָפן מײַנע חושים.

ווען איך וועל זיך אויסטשוכן, און מײַן פֿאַרלאַנג פֿאַר מענטשן וועט זיך שטאַרקן, וועל איך אַרויס פֿון דאַנען. איך וועל אָנטאַפּן מיט די פֿינגער און מיט יעדן גליד אין מיר, אַלץ צו וואָס איך וועל זיך נאָר קענען צורירן — וואַסער, היץ, ליכט, פֿרויען־לײַבער, פֿרויען־האָר. הערן וועל איך די מוזיק פֿון מענטשלעכע טריט. דאָס קלאַפּערײַ פֿון רעדער, פֿערד אויפֿן ברוק, מאַשינען, דאָס וויינען פֿון קינדער זיך שפּילנדיק אין בלאָטע אין גאַס. דער גוף האָט באַגערן, מוז זיך אָנזעטיקן. דער בוים גראָבט זיך טיפֿער אין דער ערד אַרײַן.

איך בין נישט קלאָר באַ זיך צי אַלע זאַכן און אַלע ערשײַנונגען פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלטן געקענט אויף איין האָר רײַכער מאַכן די נשמה פֿון אַ מענטשן, אויב ער זאָל פֿאַר דעם אויפֿמאַכן אַלע טויערן פֿון זײַן לעבן. אָבער אַ פֿרייד מוז דאָס זײַן אַ גרויסע. און אַמאָל פֿון די איבערלעבונגען קען זיך אַ מענטש אויפֿשטעלן אַ שטוב און פֿלאַנצן אַ גאָרטן און אָפּלעבן די עלטער.

איך גלויב אַז ווען איך וואָלט געקענט האָבן צו זען, צו הערן, אָנצוטאַפּן פֿולקאָמענע דערגרייכונגען, וואָלט איך אויפֿגעהערט צו האָפֿן. איך וואָלט זיך אפֿילו אָפּגעזאָגט פֿון גן־עדן, ווען דער גן־עדן איז נישט אויפֿ'ן הימל. איז וואו נאָר ס'איז פֿאַראַן לעבן—

וואָס דאָס מיינט, צער און ניט־דערגרייכונג — דאָרטן וויל איך אויך זיין און זעטיקן מיינע חושים.

איצט דאָ אויפֿן טייך איז שווידערלעך שטיל. זיצט אפשר דער טויט מיט'ן צועפנטן מויל אויפ'ן גרונט— איך זע אים נישט. די בערג שלאָפֿן. ערגעץ אין הימל מוז דאָ איצט זיין די לבנה. איבער אַלץ און צווישן אַלץ איז אָפֿענער רוים. און רוים האַלט צייט אין די אָרימס, וויַטער איז גאָרנישטאָ.

19

במעט אַלץ וואָס קומט פֿאָר אויף דער וועלט איז דעם מענטשנס אויפטו. די וועלט פֿון געדאַנק איז אינגאַנצן אין מענטשנס רשות. פֿאַראַן מענטשן וואָס האָבן א טיפֿע ווירקונג אויפֿן גאַנג פֿון לענדער, וואָס שרייבן נייע לאַנדקאַרטן. פֿאַראַן ווידער אַזוינע וואָס בויען שטעט, צאַמען אָפּ טייכן, בויען קאַנאַלן אויף צו פֿאַרבינדן יאַמען, אָדער לייגן גאָר אוים די גאַסן און בולוואַרן פֿון שטאָט. ווידער אַנדערע, שלעכטע, ווילדע נאַטורן, גיבן צו פֿילן זייער ווילן דורך פֿאַרניכטונג. זיי פֿאַרדאַרבן לענדער, מאַכן חרוב שטעט, ברענגען אום מענטשן. א מער באַשיידענער מין מענטש בויעט זיין אייגן הויז, אַליין צי מיט די הענט פֿון נעדונגענע מענטשן. וואוהין די דאָזיקע אַלע מענטשן שטעלן א פֿוס, פֿאַרוואַנדלען זיי די רויע שטאָפֿן פֿון ליים, האָלץ,

שטיין און שטאָל אויף וואָס נאָר עס לאַנגט זיי דער ווילן, די וואָס האָבן אַ ווילן.

אָבער איך דריי מיך אַרום אויף דער וועלט אָן צו מאַכן אַן איינדרוק. אפילו די אייגענע שטוב וואָס איך באַוואוין בלייבט פון אָנהויב ביזן סוף אָן די מינ־דעסטע ענדערונג. און כאָטש איך נוציק זיך אין באַ־קוועמלעכקייט. מאַך איך זיך פאָרט נישט באַקוועם, און כאָטש איך פארשטיי און האָב הנאה פון שיינ־קייט, פאַס איך דאָך קיין זאַך נישט צו צו מיין גע־שמאַק. אנדערע וואָלטן פון אַזאַ שטוב געמאַכט אַ שיינע היים, בא מיר בלייבט דאָס אַ הויִלע שטוב, אָן באַפּוצונג, אָן גאָרנישט. און ווען וועל איך שוין אַמאָל קויפן אַ שיין פאָר מיין גאַז־לעמפּל אַזוי אַז איך זאָל מער נישט דאַרפן אָנשטרענגען די אויגן באַם שרייבן און לייענען באַנאַכט? די קאָליר פון מיינע קליידער איז ווי פון אַן אַלטן מאַן, כאָטש איך האָב שטאַרק ליב העלע, ליכטיקע, קאָלירטע קליידער.

אַ קראָט גראָבט זיך אין דער פינסטערער ערד און לאָזט נאָך זיך איבער אַ הייל. איך אָבער גיי אַרום אין וואָלקנס און לאָז נאָך זיך גאָרנישט נישט אי־בער. איטלעכעס מאָל וואָס איך פאַרלאָז אַ הויז שטיי איך אַזוי אַ שטיק צייט און באַטראַכט עס און וואונ־דער זיך וואָס פאַר דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב דאָרין געוואוינט האָט עס זיך אויף דאָס מינדעסטע נישט געביטן — דער זעלבער אָפּגעבלאַקירטער פּאַ־סאַד, מיט די פאַרמאַכטע גרינע לאָדנס, מיטן אויס־

זען פון אַן אָפּגעלאָזן קינד. אויך אין דער וועלט פון גערדאנק מאַך איך קיין איינדרוק — א דאנק מיין גלייכגילטיקייט, מיין שעמעוודיקייט, און דאָס וואָס איך גיב זיך אזוי לייכט אונטער צום שיקזאל.

דער אמת איז, איך זע אזוי פיל אומרעכט, אזוי פיל מיאוסקייט, קליינלעכקייט — אַ ביסל גוטס אויף א פינגער די גרויס קען מיך נישט דערפרייען. און אי־בערשטעלן די פּאָר שטיקלעך מעבל באַ זיך אין שטוב קען נישט זעטיקן מיין הונגער פאר שיינקייט. געוואָלט וואָלט איך איבערבויען אַלץ, געוואָלט וואָלט איך אויס־לייגן די גאנצע וועלט פון דאָסניי, אזוי אז עס זאָל זיין א וואונדער, א תענוג און א פרייד. אָבער דאָס וואָס איך וואָלט יאָ געקענט אויסווירקן, איז פון אזא קליינעם באדייט אנטקעגן דאָס נאָך וואָס עס בענקט מיין הארץ, אז איך לאָז איטלעכעס מאָל איבערדאָס־גיי אָפּ די הענט אין פארצווייפלונג: — עך, עס איז נישט ווערט די מי. גיי איך דאָס דארום אזוי שטיל ארום אויף דער וועלט און וועל נישט איבערלאָזן נאָך זיך גאָרנישט אייגנס, נישט קיין אייגענעם גערדאנק און אפילו נישט קיין אייגן הויז.

קומט צוגיין דאָס ווען וואָס מען רופט „צייט“ און לאָזט פאַנאַנדער שלייערן פון פיינעם געוועב צווישן מיר און מיינע איבערלעבונגען. מיין זכרון אַנטהאַלט בלויז דאָס וואָס איז מיר ליב און אייגן. מיט א סך זאכן איז גלייכער אז מען פארגעסט זיי. אויב אָבער עפּעס קוועלט מיך דאָך און שטערט מיר מיין רו, רעד איך דערצו און זאָג דערצו אזוי: הער, אויב דו מוזט אומבאדינגט, זיי דאָ מיט מיר, אָבער דו וועסט מוזן צונישט ווערן בלויז דערפאַר וואָס דו קוועלסט מיך אזוי. איך האָב געדולט, איך קען ווארטן. איך וועל דיר נאָך עפּעס זאָגן: כ'האָב ליב זיך צוקוקן ווי דו ווערסט אזוי לאַנגזאַם צורונען.

בין איך ווען באַגאַנגען אן אומרעכט? איך געדענק נישט. האָב איך ווען באַליידיקט אַ מענטשן, און אים שלעכטס געטון אָדער אים געזאָגט א וואָרט פון וואָס ער האָט זיך דערפילט געטראָפן, און מיין הארץ האָט מיר פאַר אים וויי געטון, און מיין געוויסן האָט מיך געקוועלט, און מיינע אויגן האָבן לאנג געוויינט מיט טרערן? — איך געדענק שוין נישט.

אויב אָבער דאָס איז יאָ אמאָל געשעען, האָב איך אויפגעזוכט דאָס ווען וואָס מען רופט „צייט“ און זיך באַ אים געבעטן: „איך בעט דיך, זעץ זיך דאָ אוועק מיט מיר און וואך איבער מיר א טאָג צוויי.“

און ווי איך זיץ אזוי פאַריאושט און לייד יסורים פון דעם אומרעכט וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן אַ מענטשן, פאַלט אַראָפּ אַ שלייער צווישן מיר און דאָס געשעענע, איין שלייער און אַ צווייטער. דערפיל איך עפּעס טויכט אין מיר אויף — אַ געזעליקייט, און אַ פאַרלאַנג וועקט זיך אויף. איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט — אַ דערלייזטער.

אָבער נישט בלויז דאָס אומרעכט וואָס איך באַגיי קעגן יענעם, נאָר אויך דאָס אומרעכט וואָס מען טוט מיר — קען איך נישט אייביק געדענקען. אויב דו האָסט מיר מיט עפּעס וויי געטון, וואַרט צו אַ שטיקל צייט איידער דו באַגעגנסט מיך ווידער. און גלויב מיר, איך האָב דיר פאַרצייען, אפשר נישט פון גוטס־קייט וועגן אָדער פון איבערלייגונג, נאָר פּשוט ווייל איך האָב אויפגעהערט צו געדענקען. מיין האַרץ פאַר־לייט נישט קיין ברוגז, מיין גייסט קען נישט פאַר־טראָגן קיין יסורים. ער באַשטייט אויף גלייכגעוויכט, און קיין זאַך דערהאַלט אים נישט אַזוי גוט ווי ליבע און פרייד. ליבע איז נישט שטאָלץ און קען נישט טראָגן קיין האַס. און פרייד איז פריי און קען נישט זיצן און וואַרטן אויפן אורטייל פון אַ ריכטער. אדרבה, וואָספאַרא גוטס אָדער וואוילזיין קומט דען אַרויס פון דעם וואָס מען באַשטראָפט אַ מענטשן? איך וואַרט ביז עס קומט די רעכטע צייט, און איך בין פריי. און אויב איך האָב שטאַרק פאַרבראָכן וייעט אויף מיין גע־מיט שווערער ליגן די לאַסט פון מיין אומרעכט. אפילו

ווען איך שפרייז ארום אין זונליכט, גיי איך נישט אויף איין רגע ארויס פונם שאטן פון מיין פיין. און דערפאר זוך איך נישט קיין טרייסט און קיין פאר־צייאונג בא קיינעם און שליידער צוריק די גערעכטי־קייט פון ריכטער.

21

איך האב פיינט דאנקבארקייט און שריי אויס קעגן דעם מיט ביטערקייט. בלויז א הונט און א פייג־לינג קען זיין דאנקבאר. אבער דאנקבארקייט איז די גאר פעטע שפייז פאר אויפגעקומענע נגידים. ווען א מענטש טוט מיר א טובה און וויל דערפאר א באלוי־נונג — וואס פארא געצאלט ס'זאל נישט זיין — אזא טובה איז ביטער ווי גאל — ס'איז נישט קיין טובה. און אויב איך נעם זי אן איז מיר גלייך ווי איך וואלט געקויפט עפעס אויפן מארק. און אויב איך דארף דערפאר באצאלן, צאל איך שוין געוויינט־לעך מער וויפיל מען בעט. — דאס נעם איך נקמה אזא.

איך האב ליב צו אנטוישן מענטשן וואס לייגן האפנונגען אויף מיר. איך טו דאס נישט אויף צו להכעיס. דאס איז א דאנק מיין איינגעבוירענעם שטאלץ.

אויב איך פארלאנג פון דיר עפעס וואס נישט איז,

גיב דאָס אוועק און מאַך נישט קיין ווען דערפון. פיל דיך געערט פון דעם וואָס איך בעט דיך. עס איז אַ גרויסע זאַך אַז מען לאָזט דיך עפּעס געבן. וואָרים וויסן זאָלסטו אַז גאָרנישט באַדאַרף איך. און דאָס וואָס איך נעם יאָ איז מיר אַ לאַסט און מאַכט מיר ענג. און אויב איך האָב פון דיר יאָ באַקומען אַזוינס וואָס איז מיר ליב, ווייז איך דיר ארויס מיין דאַנק־באַרקייט דערמיט וואָס איך נעם דאָס פון דיין האַנט אַזוי ווי דאָס וואָלט מיר געקומען, און דו האָסט גע־וואוסט אַז עס קומט מיר, און האָסט מיט דיין פּניי־נעם חוש דערפילט אַז איך בין דאָס בעסער ווערט פון דיר, און אַז כאָטש דער אומשטאַנד איז אַזוינער האָט דאָס געדאַרפט און געקענט זיין פאַרקערט.

מיין האַרץ איז פול מיט כעס אויף די גוטע מענטשן וואָס גיבן זייער שיינע צדקה מיט דעם ברייטן פּאַרנעם, טאַקע אויף די מענטשן, נישט אויף דער האַנדלונג. זיי גיבן צדקה מחמת זיי ווילן זיין גע־גרויסט, און די הכנעה פון די אָרעמעלייט איז פאַר זיי דאָס וואָס גרויסט זיי. דער גלויבן האָט זיי קאַ־ליע געמאַכט, מיט דעם וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט אַ גן עדן אויף יענער וועלט: גאָט וועט שוין באַצאָלן און קיין חסד וועט נישט פאַרזען ווערן. גאָט איז דאַנקבאַר. אָבער דער גרויסמוט אפילו פון סקעפּטי־קער איז אויך נישט אַלעמאָל קיין ערלעכער.

אַ שיינע מידה איז באַהאַלטענע צדקה, און אָרי־מעלייט לערנען דאָס מיט מענטשן די וועגן פון

מענטשלעכקייט. איך האָב אָבער פיינט אָרימעלייט שנאָרער, און מער פון אַלץ די וואָס שנאָרן צו בײַם־לעך עולם הבא. די זשעסטן פון שנאָרן און פון דאנקבארקייט זענען ענלעך, דערמיט וואָס זיי זענען ביידע מיאוס און ניט־שיין.

א יך ווייס נישט פון קיין פרייד. און אַלץ זוך איך דאָס דאָרט, וואו איך וועל דאָס קיינמאָל נישט געפינען. האָפן האָף איך אז יאָ, און ווייסן ווייס איך אז נישט, קיינמאָל נישט. גרוים ווי דער טאָג איז מיין אומגליק. קלוגער פון אַלץ וואָלט געווען נישט צו שטיין אזוי אין איין מורא און זיך בוקן דערפאַר ווי איך טו דאָס, נאָר מיט א ברייטן זשעסט דאָס אָפּוואַרפן, פאַרשעמען. אין אָ צייט ארום, אז איך וועל צוריק־בליקן אויף דעם היינטיקן שווער־מוטיקן אָוונט, וועט זיין מיין געפיל: געווען אמאָל א שווערע צייט. און טראַכטנדיק, וועל איך הנאה האָבן וואָס אמאָל איז געווען שלעכט, אָבער איצט איז גוט. און דער היינט־קער אָוונט וועט פאַר מיר אָנהויבן לייכטן אין פאלשן ליכט, און איך וועל מאכן דעם טעות און וועל זאָגן אז דאָס אומגליק איז נישט אזוי ביטער און אז אין האָב דאָס געוואויגן אויף א פאלשער וואָג. ניין, ניין, דאָס אומגליק איז אַן אומגליק. און אפשר וועלן די

ליידן מיך קלוגער מאכן, פארשטענדיקער, טיפער — דאס וואלט דאך געווען א פארגיטיגונג. דאס אבער, יענע טיפקייט, וועט קומען פון זיך אליין מיט דער צייט, אזוי ווי די עלטער קומט, ווי א גזלן, און קיין פרייד וועט אלץ נישט זיין. אויך באדארף איך זיך נישט פארלייגן אויף דעם געצאלט אויף פריער־אויס. מען האט מיך אפטמאל פארזען, און די חכמה וועט זיך פון מיר אויך אוועקנארן. וואס איך זע, איז די קנייטשן און שניטן איבער'ן פנים. און איבער דער גאנצער לענג און גרויס פון די ארימע יארן, זע איך אלץ נאר ליידן און פיינען — דער אומגליק טוט וויי. יא, איך זע אויך א ווינקל הימל, מיט בלויער רו. דאס איז אבער בלויז א קורצע צווישנצייט. באלד וועט קימען דאס לעצטע אומגליק — דער טויט.

23

ווען איך בין יונג געווען, האב איך געמיינט אז צו דרייסיק יאר וועל איך שוין אוואדע זיין א קלוגער, א געזעצטער מענטש. אבער די נארישקייטן פון אמאל זענען די אייגענע היינט, בלויז געביטן דאס פנים.

איך געדענק צום ווייניקסטנס דריי פארשידענע משוגעת'ן וואס האבן מיך באהערשט, יעדע אין א־צייט. דאנקן גאט וואס די משוגעת'ן בייטן זיך בא

מיר. דאָס ערשטע אין דער ריי איז געווען, גיין אויף שטריק. ווי נאָר איך פלעג זיך לייגן אין בעט אריין, דערזע איך זיך באַלד הויך אין דער לופטן אויף א שטריק וואָס ציט זיך פון איין עק מארק ביז'ן צווייטן. מענטשן שטייען אונטן פארגאַפט. קינדער זענען מיר מקנא. און איך גליטש זיך אָן מורא, מאַך קאָזשע־קעס, טאַנץ און באַווייז די גרויסע קונצן. די שטריק איז שטאַרק אָנגעצויגן, דאָך גיט זיך דאָס עטוואָס נאָך, און איך וויג זיך אַהין און אַהער, ווער אַזש שיכור. אַמאָל פאַלט מיר איין איך וועל מאַכן א שטריק פון פערדס־האָר. איך קניפּ צוזאַמען אייניקע האָר, איינע צו איינע, און פאַרצי דאָס איבערן מאַרק, אַרום די צוויי הויכע שטאַרקע סלופּעס וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען טאַקע פאַר די אייגענע צוועקן. איך האַלט איין דעם אָטעם ווען איך גיי אויף דער האָר, און די פיס אין די לייכטע פאַנטאָפל גיבן אַרויס דעם קלאַנג ברום, ברום, ווי א פידל ווען דו פירסט אַריבער דעם סמיטשיק. יעדן טאָג טראַכט איך אויס עפּעס א נייעם איינפאַל, ווי אַזוי צו מאַכן דאָס גיין אויף שטריק גאָר געפערלעך און שיין, אַזוי אַז עס זאָל מיך מקנא זיין קינד און קייט. דערטראַכט איך זיך אַזוי אַמאָל: צוויי שיפן מיט מאַסטן גייען זיך איבער'ן מאַרק וואָס איז איצט א גרויסער שטורימדיקער ים. א שטריק איז פאַרצויגן צווישן די מאַסטן, און איך גיי אויף דער שטריק. די שרעק פון טאַטע־מאַמע איז אָן א שיעור,

און דאָס צוזאַמען מיט דעם וואָס די קינדער זענען מיך מקנא, פאַרשאַפט מיר זער א סך פאַרגניגן. און טאַקע דאָס גיין גופא, איז אויך נישט קיין קליינער פאַרגניגן. אַראָפּצופאַלן, וואָג איך נישט. דאָס וואָלט דאָך געשעדיקט מיין גרויסע אַמביציע. אויף אַזוי פיל בין איך נאָך געווען בא זיך אין די הענט. אָבער אין שלאָף האָבן מיינע חלומות געמאַכט אַ קנאַפּן ווען פון מיין ווילן, און צונישט געמאַכט די שטאַנדהאַפּטיקייט פון די סלופּעס, דעם זיכערן אומשטאַנד פון דער ערד. און די שטריק זענען געוואָרן פּראָסט גאָרנישט. אַקראָבאַטיק איז געוואָרן אויס קונסט, עפּעס אַ כימערע. ביז איך האָב דאָס אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיגן און מיט דער צייט האָב איך עס אין גאַנצן אויפגעגעבן.

נאָר איידער איך בין נאָך בא זיך קלאָר אז איך גיב דאָס אויף, באַווירקט מיך שוין אַ ניי משוגעת: טויכן. איך טויך נאָך פּערל — איך ווייס נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג נישט וואָס פּערל זענען דאָס אַזוינס — נאָך לויכטנדיקע פיש, נאָך גאָלדענע שלעסער אויפ׳ן גרונט פון גרינע יאַמען. ווי נאָר אָבער איך לאָז מיך אַראָפּ אין אומבאַקאַנטן ים, בין איך שוין אויף אַזוי פיל אַ פאַרלוירענער פון דער וועלט, מיינע לעבעדיקע חושים זענען מיר ווי אָפּגענומען געוואָרן. אין דער מינוט וואָס איך בין אריינגעשוואוּמען אין ערשטן גרינעם ראָד וואַסער פון די טויזנט קאָנצענטרירטע רעדער, בין איך שוין געווען אויס

איך. איך האָב געזען אַזוינע משוגענע פאַרבן, אָבער נישט אַזוי ווי אויגן זעען דאָס. אין דער אמת'ן זע־נען מיינע אויגן געווען צוגעמאַכט, אָבער דאָך האָב איך געזען. און אַזוי האָב איך אויך געהערט קלאַנ־גען נים־מענטשלעכע, אָבער נישט מיט'ן אויער. גע־רעט האָב איך, אָבער נישט מיט דער צונג. און כאָטש איך ליג דאָ שטיל אויפן בעט, קאָך איך זיך אַזוי אין שטורים בייקומענדיק די געשרייען פון ים מיט די פיש מיט די מענטשן אין ים. און איינגעטונקן אינגאַנצן אין וואַסער בין איך עפּעס פּאָרט נישט נאַס און גליטשיק, נאָר פאַרקערט, ריין און קלאָר ווי דאָס שוהאַרץ־אַפּל פון אויג. וואו איך קום נאָר, טרעף איך וואַסער־באַשעפענישן, אָן באַשטימטער פאָרם, אָבער דאָך מיט אַן אויסזען — און זיי מאַכן פּלאַץ פאַר מיר, און איך קום און איך גיי אומעטום אומגעשטערט. געווען זענען דאָרט זער פאַנטאַס־טישע לאַבירינטן, אָבער פון מיינע אָפטע באַזוכן וועלן זיי מיר באַקאַנט נישט ווייניקער ווי די גאַסן פון שטאָט. און איך האָב אַ פאַרגעפיל אַז אַמאָל וועל איך זיי ערגעץ אָנטרעפן אין דער אמת'ן.

און איצט, צום איין און דרייסיקסטן יאָר, באַ־פאַלט מיך דאָס דריטע משוגעת. אויסערן שטאָט, וואו דריי וועגן קומען זיך צונויף, שטייט אַן אַלטער ריז פון אַ בוים, וואָס זעקס מענטשן קענען אים קוים אַרומנעמען. און הויך איז ער אַ שרעק, מיט אָן אַ צאָל צווייגן. רייס איך אָט דעם בוים אוים מיט די

וואָרצל און ברענג אים אין שטאָט אריין. מיין האַרץ איז פול, רעד איך צו די קופּעס מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ ארומגעקליבן ארום מיר, געקומען פון זייערע פינסטערע היימען מיט די פארהאַקטע לאָדנס. איך הויב אויף דעם בוים אין דער הויך און שלאָג דער־מיט איבער די פארדריפּעטע הייזער און געפּלאַס־טערטע גאַסן און מאַך א תל פון דער גאַנצער שטאָט. נעם איך דאָן דעם בוים אויפ'ן קאָפּ און לאָז מיך גיין אין אַנדערע שטעט, און די מענטשן לויפן מיר נאָך פון הינטן, שעלטן מיך.

24

קונסט איז דאָך פאַרן מענטשן א באַדערפעניש צו־גלייך מיט אַנדערע באַדערפענישן. וואָלסטו דער־פון געקענט דרינגען אז עס האָט אמווייניקסטנס אַזויפיל די ווערט ווי ברויט אָדער א קלייד. אָבער דאָס געצאָלט וואָס דו באַקומסט דערפאַר איז אַזוי גאָרניש־טיק אז דו קענסט דיר דערפאַר נישט איינקויפן קיין ברויט מיט קיין קלייד. דאַרף דאָך א מענטש פאָרט עסן און טראָגן א גאַנצן מלבוש, נעמט דער קינסטלער און שנייט פון זיך ארויס דאָס האַרץ פון לייב און וואַרפט עס פאַר די הינט אין גאַס. די פליכט פאָדערט ער זאָל זיך דערנערן פון די ארבעט פון די אייגענע

הענט. די וואָס באטראכטן דאָס פון שטאנדפונקט פון רעכט זאָגן אז איין ארבעט איז נישט בילכער פון אן אנדערער, און אז שרייבן רעכנונגען אין א בוך איז נישט ווייניקער מיוחס ווי איינקריצן געדאנקען אויף קופער. אָבער פארן אייגענעם געוויסן מוז דאָך אזא קינסטלער בלייבן שטיין א פארמשפטער צו־ליב זיין שרעקלעכער נאכלעסיקייט. אפילו ווען די גאנצע וועלט זאָל פון אים ווייכן — ער אליין טאָר נישט אָפּטרעטן. ער מוז ארויסזינגען פון זיך אלץ וואָס איז אין אים פאראן — אמאָל ווערט עמיצער א פרעמדער, א ווייטער, א זוכנדיקער דאָס דארפן האָבן נייטיק ווי דאָס לעבן. און דער קינסטלער אליין — אָט פליען די אָרימע יאָרן ווי מיט פליגל און קיין פרייד איז נישטאָ. אָט אזוי איז ער! זאָל ער בכיוון נעמען און פארטעמפּן די פיינע חושים, זאָל ער פאר־קירעווען אָן א זייט זיינע גלייטערטע נייגונגען וואָס פירן צו שיינקייט און חכמה?

דאָס היינטיקע טעמפּע טאָג־טעגלעכע לעבן באַ־פרוכפּערט נישט דעם געדאַנק. די חכמה פּאַיאַצעוועט, און די שיינקייט טאנצט סאנט־וויטוס טענץ. דו ווערסט אריינגעצויגן און ווערסט מיטגעשלעפּט. דאָס לעבן זעסטו נישט אָן. דער זין פאַר דעם איז דיר אָפּ־געשטאָרבן. ביסט בלינד אויף די אויגן. פאלסט טי־פער און טיפער. דער טאָג איז א לאנגע נאכט, און דו קענסט נישט איינשלאָפן. עלטער, דערנאָכדעם דער דויערנדיקער טויט.

דער קינסטלער וואָס דאַרף זיין דאָס ליכט אויף צו באלייכטן דיין נאכט, די האָפנונג אויף דיך צו טרייסטן — זע ווי ער אליין גייט אוים פון הונגער און קעלט. און ווייטער זע, ווי דער וועלטס באוואוסטזיין לעשט זיך אויך אוים, און דער מענטש ווערט גראָב ווי א גראָב שטיק טוך. וואָרים דו קענסט דאָך אים נישט לאָזן שטארבן און ארויפציען אויף זיך זיין גרויסקייט. דו קענסט נישט אומברענגען א מענטשן און ווערן דער איבערמענטש — ווייל דו האָסט פארבראָכן קעגן דער אידעע מענטש. דער קינסטלער האלט אין זיך איינגעשלאָסן אלדע בענקשאַפטן פון דער וועלט, זיין גאנץ לעבן פעדערט ער זיך אויף צו דערגיין דעם זין פון לעבן. שטארבט ער, גייט די וועלט צו גרונט, שטארבט מיט אים די נשמה פון דער וועלט. בלייבט איבער הויל לייב — טויט.

25

דער כח פון אַ זאַך אַנטפּלעקט זיך אין דעם ווידערשטאַנד פון דער זאַך. איך קען אַ הויז אין אַ טאָל וואָס איך ווייס אַז עס בענקט צו שטיין אויפ'ן באַרג אין די ווייסע ווינטן. איך אַליין בין טאַקע אויך אַזאַ הויז. און אָט בין איך דאָ אין די נייע אומשטענדן. געשטאַנען אַזוי פראָסט און געפּוסטעוועט, און אַ צווייפל האָט מיר גענאָגט דאָס אינגעווייד. אָבער

פלוצלונג — איך חידוש זיך — איך גיי אנטקעגן, איך ענטפער אפ אויף די נייע אויפאדערונגען. עס איז אן אפענע וועלט, און דער הימל איז בלוי. א ליכט גייט מיר ארויס פון די אויגן און באלייכט אלץ ארום. די קראפט פון מיין מח איז פאר מיר א גרויס רעטעניש. די אומגעלומפערטקייט ווערט ריטעם, די אינערציע פלאצט, און איך הער ווי מיין הארץ זינגט. עס טוט מיר ווילד הנאה צו שטיין אין די נייע ווינטן. אנטפלעקן זיך מיר דא מיינע כחות. איך גיי צו צו א זאך, אזוי פ.ן א זייט, און זאג דערצו איינ־פאך און קלאר: „הער, דו אזוינער און אזוינער, איך בין געקומען און אט שטיי איך פאר דיר. באהאלט דיך נישט פון מיר, און אנטלויף נישט. איך וויל דו זאלסט מיר קוקן גלייך אין די אויגן אריין און וויסן זיין זאלסטו, איך מוז דיך באצווינגען.“ שטיי איך אזוי און קוק דאס אין פנים אריין, אפילו ווען דאס זאל זיין דער טויט. און איך פיל באשיינפערלעך עס קומט מיר צו נייער מוט, כח, פון בלויזן ווילן, פון בלויזן אויסדויער. און דער כח וואס פון מיר נעמט אלץ ארום ווי מיט צוואנגען פון געהאמערטן שטאל.

אט דער כח קומט נישט אן לאנגזאם מיט געמאס־טענע טריט, נאר מיט אמאל. און איך טו אים נישט אן ווי א מאנטל, נאר ער שפארט זיך פון אינעווייניק ארויס. און ער איז נישט א טייל פון מיר, נאר איך אין גאנצן.

און עס טרעפט, אז פון אונטער די הענט פון איי־

גענעם כח גיי איך אמאָל אַליין אַרויס אַ באַצוואונ־גענער און אַ דערשיטערטער, אַ צובראָכענער און אַ דערשלאָגענער. און ווידער פּרעסט דער צווייפל דאָס אינגעווייד. זוך איך צוריק אָפּ מיין איינזאַמע שטוב אום דאָרטן צוריקצוגעווינען דאָס גלייכגעוויכט. זעצט זיך די רו אַוועק באַ מיין רעכטער האַנט און דער שלאָף באַ דער לינקער האַנט. דאָס פֿענסטער שרעקט מיך און די ווענט זענען הינט, וואָס היטן מיך. די הענט וואַקסן מיר צונויף מיט די זייטן. דער האַלדז ווערט מיר ווי פֿאַרזשאַווערט. און אַ טרויער יאָגט אַרום אין דער שטוב. זיץ איך פֿאַרזונקען אין אַ פּלאָנטער פֿון בערג מיט טייכן מיט נעכט מיט לבנות, אָן אַ דיל אונטער די פֿיס.

— און פּלוצלונג, גאָר אומדערוואַרטעט, אומעטיק און אומגעלומפּערט רייסט עס מיך ווידער אַוועק פֿון דאַנען און איך גיי אויפֿדאָסניי געפּרואווט צו ווערן.

26

ד ער ערשטער סימן פֿון פֿריינטשאַפֿט איז ווען צוויי מענטשן ווערן זיך נאָענט, אינטים. פֿריינטשאַפֿט וויל נישט וויסן פֿון קיין העלפֿט אויף העלפֿט. פֿריינטשאַפֿט שטעלט די פֿאָדערונג: אַלץ, אַז נישט גאָרנישט. נאָר אויב דאָס איז די באַדינגונג פֿאַר פֿריינטשאַפֿט, ווייס איך שוין מער נישט ווער עס זע־

נען מיינע פריינט. ווערטער האָבן אַ טבע זיי האָבן טעותן, דערהויפּט קלוגע ווערטער וואָס מען האָט מיט זיי אַ סך געמיינט. אָבער פריינטשאַפט שטאַמט דאָך נישט פון מח אַזוי ווי ווערטער.

אַז מאַניערן, איידעלע זיטן אַזוינע, שטעלן זיך אַוועק צווישן פריינט, וואַקסט דערפון אויס אַ וואַנט. איך מיין זיטן איינגעהאַנדלטע, ניט-עכטע. דאָס אייגענע אויך וועגן באַזונדערע אינטערעסן בא פריינט. דאָס איז דער קלין וואָס צושפּאַלט די שיין־צעוואַקסע־נע פריינטשאַפט. איך גיי אום אַרום מיין פריינטשאַפט אַזוי ווי אַ גערטנער אַרום זיינע בלומען און היט זיי אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אָבער, אַז איך זע אַז די מי איז צו גאָרנישט, אַז עס וועט שוין צו קיין נענ־טערע דערנענטערונג נישט קומען — באַשלים איך אַז ס׳מוז נעמען אַ סוף. ווי גוט ס׳וואָלט געווען צו קענען נעמען די דאָזיקע פריינט און זיי אָפּשיקן צו אַלדע גוטע יאָר.

אָבער ווי וועל איך דערגיין ווער עס זענען מיינע פריינט? באַווייז מיר מיט עפּעס וואָס זאָל זיין אַ זיכערער סימן. כ׳בעט דיך, צענער נישט. אָבער אַזוי ווי דו צענערסט יאָ, פאַלט אויף מיר שטענדיק אויס דער גורל צו זיין דער ערשטער — דער שלעכטער — צו וואַרפן די פריינטשאַפט. און איך מאַך אָפטמאָל אַ טעות אויך.

אין גאַנצן זיך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ אַן אַמאָליקן פריינט געלינגט מיר נישט — איך בין דערצו נישט

קלוג געגוג. אָבער אום גאָטעס ווילן, זאָג מיר, צי גיב מיר כאָטש א וואונק, וועל איך אוועקגיין און דיך לאָזן צורו.

ווידעראַרום ווי אזוי זאָלסטו קענען זעען דאָס פּנים פון מיין פריינטשאפט? ווערטער זענען דאָך נישט קיין באַווייז דארויף, און מיינע משוגענע האנדלונגען קענען דיך בלויז פארווירן. אויף עפעס א זעבארן אופן ווייז איך מסתמא ארויס מיינע געפילן, וואָרים עס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן אָן מיר דערקענט מיין באציאונג — אזוי וויל איך גלויבן. אָבער דאָס איז דיין זאַך. און כאָטש זי איז מיר אזוי פיינלעך נוגע, לאָז איך זי פאָרט איבער צו דיר ווי דו וועסט פארשטיין. איך וויל דיך בלויז בעטן איינס — אויב דו פילסט די צייט איז שוין געקומען — נעם און גיי אוועק און לאָז מיך צורו.

27

א יך עפן אויף די אויגן און צי אריין צו זיך אין מח די בערג מיט די פעלזן, מיט די ביימער, אומריסן און מאָסן. איך קען זיי נישט אָנרירן מיט די הענט. זיי ליגן אויף יענער זייט טייך. די שטראַלן, וואָס שפּיזן ארויס פון מיינע אויגן, באַגעגנען זיך מיט דער אָפענער פלאַך פון טייך, ווערט דערפון אין מח א שטילער טייך, וואָס ציט זיך צווישן באַגראָזטע

ברענג. איך שטויס די שטראַלן־שפּיזן פון מיינע אויגן אויף הינטער די בערג, און איך דערזע יענע זייט פון די בערג און די פעלדער הינטער דעם. און אין מיטן, אַ וואַסער, וואו אינגלעך שיפן זיך אַרום אין לאַנגע רויטע קאַנועז. און דאָס, וואָס איך זע, ליגט הינטער די קערפּערלעכע גרעניצן פון אויג, און איך זע דאָס וואָס איך זע נישט, אויפן גרונט פון דאָס וואָס איך זע יאָ. ס׳איז פאַר מיר גאַנץ לייכט צו זען אַ געגנשטאַנד און דאָס, וואָס הינטער דעם געגנשטאַנד, אין אייגענעם בילד. ווען איך זע אַ מענטשן, זע איך אים נישט בלויז אין סילועט, נאָר אין גאַנצן, אַרום און אַרום מיט אַמאָל. דאָס אויג פון מיין געדאַנק איז נישט באַרואיקט ביז וואַנען עס הויבט נישט אויף די זאַך פון דער ערד, וואו עס שטייט אויף אַן אָרט און באַטראַכט דאָס נישט פון אַלע זייטן.

איין אויסגאַנגספּונקט פירט העכסטנס צו דריי די־מענסיעס. אָבער דאָרטן, וואו דער אַקט פון זען איז נישט קיין פאַרגליווערטער מאָמענט, ווי דאָס אויג פון דער קאַמערא, נאָר באַוועגלעכע ענערגיע, דאָרטן גילטן נישט קיין דימענסיעס. דאָס לעבן שטעלט זיך נישט אָפּ אויף די קלענסטע ווייל, און דאָס זען שעפּט זיך אויך קיינמאָל נישט אויס — און וויפיל דו זאָלסט נישט באַטראַכטן אַ זאַך, איז אין דעם אַלץ דאָ נאָך אַזוינס, וואָס דו האָסט נישט געזען.

זען איז אַ לעבעדיקע קראַפט. דאָס ליכט פון מיי־

נע אויגן גייט אוועק הינטער די גרעניצן פון קער־
פער און קומט צוריק צום אורקוואל, נישט געמי־
נערט, נאָר רייכער און פולער ווי געווען. נישט ווי
דאָס קול, וואָס גייט אַרויס און קומט נישט צוריק.
דאָס אויג איז געגליכן צו אַ טויב, וואָס פליט אַרויס
פון טויבן־שלאַק. זי קומט צוריק און מיט איר נאָך.
דאָס אויג — און אַל׳ץ חושים — און דאָס האַרץ,
וואו עס געפינט זיך דער חוש פון ליבע, זענען דראַ־
טען אויף צו פאַרבינדן די עלעקטריק פון קאָפּ מיט
דער נשמה. און זיי פאַרצערן נישט נאָר פאַרקערט,
נערן איינס ס׳אַנדערע.

28

פון איינזאַמקייט פאַרקריכט דער מענטש צו זיך אין
האַרצן אַריין, און וואָס מער ער גראָבט זיך אין
זיך, אַלץ איינזאַמער ווערט ער. אויף דער עלטער,
ווען די וועלט פאַרלירט פאַר דעם מענטשן איר האַפּ־
טיקייט, און עס בלייבט אים גאָרנישט נישט איבער
וואָס זאָל אים דינען אַלס אַן אָנהאַלט, פאַרנעמט
ער זיך דאַן מיט זיך אַליין. אָבער איך בין אַ פאַר־
איינזאַמטער געבליבן קעגן מיין ווילן און פאַר דער
צייט, און בין שטאַרק אויפגעבראַכט אויף אַזאַ שיק־
זאַל.

איך פלעג זיך אָפּט חידוש׳ן אויף דער שטילער

און עטוואָס צונעוועסענער חכמה פון די כינעזער דיכטער. איצט פאַרשטיי איך, אַז דאָס זענען געווען אַלע אַלטע לייט. איך זע, אַז זייער דיכטונג איז געווען אַן אַנטרינונגס־אָרט פון דער שווערער אייגזאַמקייט. און ווען עס האָט זיי דערעסן זייער אייגענער איך מיט די אומפאַרענטפערטע קשיות, האָבן זיי זיך אָנגעטון אַ כח צו באַטראַכטן די קליינע וועלט אַרום זיך אויף צו געפינען אַ באַשעפטיגונג און אפשר אויך אַ טרייסט.

יאָ, איך ווייס, ס'איז אַ'ן אמת, אַלץ, יעדע זאַך איז פון גאָט, און ס'איז נישטאָ גאָרנישט וואָס זאָל זיין אונטער אַ מענטשנס ווירדע. מיינע אויגן שיינען מיר פאַר פרייד ווען איך באַטראַכט אַ פויגל, אָדער דעם ריטמישן גאַנג פון ים, אָדער די פאַרענדערלעכע פאָרמען פון די וואָלקנס. איז נאָך וואָס בענק איך? גוט, איך האָב הענט, וועל איך מאַכן שיינע זאַכן. איך האָב פיס, וועל איך ארומגיין איבער דער וועלט. איך וועל אין זיך אדיינזאפן דעם גערוך פון פריש־געשניטן היי. וועל עסן גוטע, זיסע עסנס, וועל האַלטן אין האַנט זייד, האָלץ, פאַרצעלאַן, אייזן. אָבער וואו ליגט דער שטורים, וואָס וועט לייטערן מיין האַרץ?

איך ענטפער: ליבע, נאָר ליבע. דאָס איז דער שטורים, וואָס וועט לייטערן מיין האַרץ.

די שיינקייט, מיט וואָס אַ מענטש איז שיין, איז די עכטע, אמת'ע שיינקייט. אַ הונט לעבט אויך,

אָבער נישט בלויז דאָס מיין איך. איך וועל זיך פון אַלץ אויסטאָן, אָבער דער מענטש, וואָס איך האָב אים ליב, אָן אים קען איך זיך נישט באַגיין — און קיין נויטבאַדערפטיגערס איז פאַר מיר אויף דער וועלט נישטאָ. דאָס איז דער ערשטער קרייז פון מיין ליבע. אין צווייטן קרייז גייען אַריין הינט, קעץ און פייגל, אפילו טישן מיט הייזער מיט בריקן מיט וואָלקנס. ליבע צינדט אין מיר אָן אַ באַגייסטערונג, ליבע איז גאָט.

אַ מענטש קען נישט אָפּטרייסלען די עלטער. די צייט וועט קומען, וועט קומען די עלטער. וועלן מיר דעמאָלט רעדן בנעימות'דיק שיינע, אויסגעהאַלטענע רייד, און מאָלן וועלן מיר שטילע באַשיידענע בילדער. וועל איך אויפבויען מיינע טעמעס, אַזוי ווי איינער בויט אַ הויז, וועל אויסמעסטן די לייוונט מיט'ן צירקל, און וועל זיך שטאַרק איבערנעמען מיט מיין מייסטערשאַפט. אָבער ווי לאַנג איך בין נאָך יונג, לאָזט מיך ליב האָבן, און לאָזט מיך מאָלן ניט־פאַרענדיקטע, אומקלאָרע, פאַרמישטע בילדער, און לאָזט מיך שרייבן די אומגעלומפּערטע ווילדע פּלוידערייען, ווידער אַרום, דאָס, וואָס איר רופט ניט־פאַרענדיקט, איז אָפטמאָל אַזוי פולקאָמען, איין איבעריקער שטריך וואָלט אָפּגעהאַקט די פליגל. און וואָס איר רופט אומקלאָר איז אַמאָל אַ נייער מין שיינקייט. און וואָס איר רופט אומגעלומפּערט איז אַ נייער מין אָרדענונג.

דער געשמאַק פון אַלטע לייט גייט נישט אָפּצו־

פרישן. זייערע מחות זענען פארזשאווערט געוואָרן. פאַראַן אַ פיינלעך זיסער טרויער אין איינזאַמקייט, אָבער אַ מענטש ווערט דאָ אַלט פאַר דער צייט. איך וואָרן זיך, אַז דאָס טאָר נישט זיין, אַז איך בין נאָך יונג, און אַז די וועלט שטייט נאָך אָפן פאַר מיר.

29

איך האָב שטענדיק געוואונשן אַזוי איינצוואָרדנען מיין לעבן, אַז איך זאָל זיך קענען צו יעדער צייט לאָזן אין וועג אריין אָן חרטה צו האָבן אויף דאָס, וואָס איך לאָז הינטער זיך. די קופּעס קליינִיקייטן, מיט וואָס מענטשן האָבן זיך ליב ארומצורינגלען, האָב איך שטענדיק געהאַלטן פאַר איבריק. נישט נאָר שטערן זיי דעם מענטשן אין זיינע פרייע באַוועגונגען, ווען ער דאַרף בייטן זיין אָרט, זיי שטע'ן אים אויך אין זיינע פרייע געדאַנקען. און נאָכאַלעמען, דאָס זענען דאָך אַלץ קליינִיקייטן, וואָס קענען דעם מענטשן נישט גליקלעך מאַכן.

דערהויפּט וויל איך נישט איבערלאָזן קיין האַלבגעטאָענע ארבעט. ווען איך נעם זיך אונטער עפּעס צו טאָן, האָב איך דאָס ליב פאַרטיק צו מאַכן און איבערצוגעבן אין אַנדערע הענט. און אויב עס קומט אויס, מען דאַרף זען מענטשן, איז מיר אָנגענעמער צו באַזוכן יענעם ווי יענער זאָל מיך באַזוכן, ווייל איך

האָב קיין שום פאַרשטענדניש פאַר דעם ווי אַזוי מען באַדאַרף אויפצעוואַרטן געסט, ווייל באַם איפּוואַרטן זענען פון גרויס וויכטיקייט די קליינקייטן, און דער טיי־קעסל פאָדערט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט כמעט ווי דער גאַסט אַליין. אויך האָב איך נישט ליב אַרומצוטראָגן מיט זיך קיין ביכלעך, קיין זייגער און קיין געלט. און עס מאַכן מיך מיד די בילדער אויף די ווענט, און די אייביקע וואַזעס מיט די אייביקע בלומען. גאַרדינען, פאָרטיערן, טעפּ בעט פאַרשטעלן דאָס ליכט און עסן אַריין אין זיך מאַסן שטויב. און אויב איינער האָט פאַרהאַנגען די ווענט מיט וואַנט־פּאַפּיר מיט שרייענדיקע צייכנונגען פון בלומען אָדער פון אויסטערלישע פייגל אַזוינע באַ אַ וואַסער ווי זיי שלינגען ווערים אָדער ענלעכעס, אַזאַ מענטש זאָג איך איז אַ פאַר'משפט'ער אויף אַ אייביק צו זען יעדן טאָג די אייגענע רויטע בלומען מיט די געלע פייגל.

אָבער דאָך ווי אַ מיין וויסן, און זיכער קענען מיין בעסערן געשמאַק ווערט די שטוב פול מיט אַלעריי זאַכן: ביכער, צום ביישפּיל, און אַמאָל אַ בלום צווישן די בלעטער פון אַ בוך, און געוויינלעך, בילדער. מיט די צייכנונגען און אַמאָל טאַקע מיט אַ געמאָלטן בילד אויך, טו איך אַזוי: אָדער איך מאַך דאָס באַלד אַוועק, אָדער איך לאָז דאָס איבער אויף נאָך אַ ווייל ביז איך וועל קענען פאַסן אַ באַשלוס. איך טראַכט אַזוי: ווען איך זאָל שטאַרבן און אַ פרעמדער

זאָל קומען פאַרנעמען מיין אָרט, וואָלט ער דאָך דאָס אַלץ איבערגעשאַצט לויט זיינע ווערטן. נו, בין איך אַליין אַזאַ פרעמדער און איך פיל אַ רייץ צו באַטראַכטן מיין ארבעט מיט פרעמדע אויגן. און ווי נאָר איך הויב אָן צווייפלען אין דעם איז דערפאַר מער קיין אָרט נישטאָ.

וואָלט מען מיינען אַז איך האָב ליב צו צושטערן, זאָג איך אַז נישט. איך וואָלט נישט אויפגעהויבן קיין פינגער אויף צו פאַרניכטן די ברוקלין בריק אָדער אַ־וועלכן־ניט־איז אַנדער געבוי. און איך וואָלט קיינמאָל נישט צושטערט קיין פאַרק, אָדער געשעדיקט אַ בוים אָדער אַ בלום. איך וואָלט אפילו נישט געשטערט קיין וואָרים פרעסנדיק אַ בלאַט. איין זאַך בלויז. איך וויל נישט האָבן מיין אייגנס די אַלע טויזנט זאַכן. וואָס איך וויל יאָ, איז — פרייען צוטריט אומעטום, און קיין זשאַנדאַרמען אויף דער גרעניץ צווישן לענדער.

30

א ז איך נעם זיך אָן מיט מוט און לאָז מיך אַרויס אויף דער גרויסער וועלט — נעם זיך לייענען אין די צייטונגען און זשורנאַלן — קום איך צוריק אָן אַנטוישטער פון דעם יושר, פון דעם גאָט־געדאַנק און דעם באַגריף פון שיינקייט בײַ די מענטשן וואָס

שאַלטן און וואַלטן איבער אונדז. אַז אַן אידעע זאָל פאַרמאָגן אַ גוף, באַגרייף איך. אָבער אַז אַן אידעע זאָל היינט־צו־טאָג נאָך ארומגיין אָנגעטון אין די מלבושים פון מיטל־אַלטער — פון דעם זע איך שוין גאָרנישט דעם זין.

אפילו אַ פאָלק־רעגירונג קען זיך זיין אַ זער וויל־דער און צופעליסער געבוי. אַ פאָלק איז אַ מיטלמעסי־קייט. און פאַר אַ פאָלק־פאַרטרעטער פאָדערט זיך אויך צו זיין אַ מיטלמעסיקייט וואָס איז נאָך דערצו באַשאָנקען מיט אַ סך רייד. אַנדערש ווי קען ער דעם פאָלק אימפּאָנירן? זאָל איך מיך אַלזאָ אויך אוועק־שטעלן צושאָקלען מיט'ן קאָפּ? — אפילו ווען איך צווייפל נישט אַז ער מיינט ערלעך וואָס ער זאָגט? פאַרלאָז דיך אויף זיי! זיי וועלן שוין מסתמא רעכט־פערטיקן זייערע האַנדלונגען און וועלן שוין מסתמא האַלטן גרויסע רעדעס און פאַרווינגן דאָס פאָלק אין חלום. „איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין מלחמה— אָבער איך האָס מלחמה“ — דאָס איז דיפּלאָמאַטישער טאַקט וואָס דאַרף אויסהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט צווישן צוויי קעגנגנעזעצטע שיכטן פון אַ פאָלק. גיב צע־זאָרן זיינס, און פאַרן פאָלק איז גענוג אַ פוסטער צו־זאָג וואָס דו וועסט סוף כל סוף נישט האַלטן. באַ־מערק נאָר דעם פּאַטאָס! יענע איידעלע הערן וואָס האָ־בען ליב גלאַנץ און איינגעחזרטע צערעמאָניעס און געפלאַנטע געשעענישן! בלויז אַ פייגלינג קען זיך פאַר־גינען אַזוי אָנצובלאָזן: „איך האָב נישט קיין מורא

פאַר קיין מלחמה!" און די שלעכטסקייט וואָס קוקט אַרויס פון אַזאַ שפּרוך! איר הערט, דער פאָלק־פאַר־טרעטער האָט נישט קיין מורא. זיין אייגענע פּערזאָן איז גוט געשיצט אין דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָ־פע. כאָטש עס זענען דאָ אַנדערע וואָס קענען פירן אַזוי גוט ווי ער, וועט ער דאָך נישט גיין מקריב זיין זיין הייליקע פּערזאָן. רעט ער דערפאַר מיט גרויס ווירדע, און זיין צוטרוי צו זיך געווינט דעם פאָלקס צו־טרוי. דאָס איז קלוג: און פון דער אַנדערער זייט בייגט ער זיך אויך פאַר דעם נייעם ווינט: „איך האַס מלחמה."

און אַלס איינפיר און צום אויסלאָז פון דער צע־רעמאָניע אַ דאַנק־וואָרט צו גאָט — צם גאָט וואָס האַלב־מענטש האַלב גאָט, וואָס איז פּלוצלונג געבוירן געוואָרן נאָכדעם ווי אַלץ — דאָס עלעמענטאַרע, איז שוין געווען באַשאַפן, און וואָס איצט זיצט ער אין די הייליקע בילדער ווי אַ יעדער קייסער אין די באַוועג־לעכע בילדער. און די אָנגעקראָכמאַלעטע ווירדע פון דעם גאַנצן ספּעקטאַקל אַלס אַן אויסדרוק פון אַ גע־פיל פאַר שיינקייט!

און ווען מען קוקט דאָס צו באַקומט זיך אַ געפיל פון פאַרדרוס און עקל. אָבער דערהויפּט שרעק איך זיך: וואָס האָבן דאָס ווידעראַמאָל די איידעלע הערן מיט די רויטע לאַמפּאַסן מיט די זיידענע צילינדערס פאַרטראַכט פאַרא נייע גרויזאַמקייטן!

31

מיינע פריינט זענען צוזייט און צושפרייט איבער דער וועלט, איבער נאָענטע און ווייטע שטעט, און זיצנדיק דאָ אַ פאַרבענקטער מיט די פיבערישע הענט, האָב איך דאָס געפיל זיי אַלעמען אַרומצונעמען און האַלדזן, זיך קלאָגן פאַר זיי און וועגן עפּעס דערציילן. זענען זיי אָבער אַלע ווייט פון דאַנען. פאָרט, צי זיי הערן מיך צי נישט, איך זע זיי איצט, און איך טראַכט: צו וועמען ווענט מען זיך איצט? איז דאָך יעדער פון זיי אַן אַנדער מענטש, אַנדערש עמפינדלעך און אייגנאַרטיק. אפילו די באַדינגונגען פון אונדזער פריינטשאַפט זענען פאַרשידן. אָט בין איך פאַרקנופּט מיט צענדליקע מענטשן, און דאָס געמיינשאַפטלעכע איז אַנדערש אין איטלעכן פאַל. וואו וועט מיין רוף געפינען אַן אָפּקלאַנג? וועמען שרייבט מען? דעם מאָלער וואָס איז איצט אין אַ געדריקטער לאַגע און גאָר נישט גייט אים נישט איין? אָדער דעם מאָלער וואָס שטייט איבער'ן קאָפּ אין זיינע נייע אידעען? אָדער דעם פיינעם מוזיקער און דזשענטלמאַן וואָס נעמט שטאַרק אוים און איז דערפאַר געוואָרן עטוואָס לייכטזיניק? אָדער דעם איידעלן דיכטער וואָס פריינטשאַפט איז אים אַ לאַסט? אָדער דעם נאָוועליסט וואָס פאַרבינט ליידנשאַפט מיט נעטלעכקייט, פאַנטאַזיע מיט לייב,

וואָס וויל אַז דער מענטש וואָס פון שטויב זאָל זיין אויסגעטאָן פון שטויב אין שטויב פון לעבן? אָדער דער מיידל וואָס שיקט מיר אַ גרוס פון גריכנלאַנד אָן אַן אַדרעס? אָדער דער מיידל וואָס וואַרט אַז די צייט זאָל איר אונטערזאָגן וואָס ווייטער צו טאָן?

איך שרייב דעם, יענעם, אָבער ס'איז נישט דאָס. איך האָב זיך אויף אַ ווייל פאַרגעסן און ווידער איז שלעכט אויפ'ן הארצן. ס'טויג נישט אַזוי. מען דאַרף די מענטשן זען, זיי אָפּרייסן פון די פליכטן פון טאָג, און נעמען און אַרומגיין מיט זיי שפּאַצירן אויף גאָט'ס וועלט. זאָלן די באַציאונגען ווערן נענטער און ליבער.

אָבער מיר זענען פאַריאָגטע מענטשן. מען שטייט איבער אונדז מיט בייטשן אין האַנט. מיר גייען אין שפּאַן פון דאגות פרנסה און פרעסן טרוקן שטרוי. מיר האַלטן די אויגן געווענט צו אַן אָפּגאָט און האָבן קיין גראָשן הנאה פון דער וועלט. דאָס טייערסטע האַלטן מיר ביליק — די פריינט — פון זיי טראַכטן מיר בלויז אין אַ נויט.

איך, וואָס בין מער פון אַלע מיינע עקספּרעסיעס צוזאַמענגענומען, איך, מענטש, האַלט זיך אָפּגע־טיילט און אָפּגעזונדערט פון מענטשן ווי אַ חיה וואָס שרעקט זיך פאַר ליכט, און שרייב אַ בריוול צו אַ פריינט וועלנדיק דערמיט פאַרבינדן די אויגן מיין גרויסער ליידנשאַפט.

ווען מען פרעגט מיך וואו איך וואָלט ליבער וואוינען, אין אַ קליין שטעטל צי אין אַ דאָרף, וואָלט איך געזאָגט, אַז ליבער וואָלט איך וואוינען אין פרייען דאָרף. אָבער ליבער, ליבער פון אַלץ וואָלט איך וואוינען אין דער גרויסער שטאָט. נאָך נישט אַלץ איז די פרישע לופט פאַרן געזונט. מיר דאַרפן איך אַטמאָספערע. מיר דאַרפן די דורות־אַלטע ווייזהייטן וואָס הייסן קולטור. און די שטאָט איז אַ מין ארון קודש וואו מיר האַלטן אויף די סימוואָלן פון דער ציווילי־זאַציע. ציוויליזאַציע מיינט פּראָדוקציע, מיינט קאָנ־טאַקט, און שטייגט אַרויף פון ענגשאַפט ווי טוי פון די פעלדער. די שטאָט איז איינציק אויף צו מעסטן די אייביקייט.

אַ מענטש ווערט געבוירן אויף אַן אָרט און גראָבט זיך אָפּטמאָל אַריין אין דער ערד ווי אַ בוים, אין דער צייט וואָס גאָרנישט ווייט ליגט מעגלעך זיין דערגרייכונג. ווען איך וועל דערפילן גראמער, וועל איך צוריקגיין אין דער גרויסער פאַרשידנאַרטיקער שטאָט. אמת איז, פאַראַן וואונדן אין לייב פון שטאָט: רויקייט, אָרימקייט און טומל. אָבער מען קען זיך מיט אַ ביסל אָנשטרענגונג פאַרהיטן דער־פון. דורך אַנטווישונגען, דורך דחקות, צו עקסטאַז, צו

די דערגרייכונגען: שיינקייט און ליבע. דער אויס־
טויש פון געדאנקען, די נענטערע מענטשלעכע פאר־
שטענדעניש, די שיינע פרויען ווי קייסערינס וואס
נייען ארום אין גאס — אלץ וואס דער מענטש פאר־
נעמט, ווערט גוט און ליב. די ציוויליזאציע האט
פארפילפאכט אונדזערע נויטן און דערמיט באריכערט
די חושים, זיי געמאכט איידל און דין. א מענטש
דארף נישט גיין אויף צוריק, צו דער נאטור, וואו
ער זאל ווערן א בוים אדער א שטיין — א מענטש
דארף העלפן בויען שטעט, און אומבייטן דעם בוים
וואס אין מח, אויף ווילן, און דעם וואלקן וואס אין
מח אויף טאט.

33

ווען עס הויבן אן פאלן די בלעטער, זע איך מיך
ארום אז ס'איז אן אמת אז דער ווינטער קומט.
מאך איך מיך גרייט. בייט אום די קליידער, און
מיר דאכט זיך איך בייט אום אפילו די הויט אויפן
לייב. און די באוועגונגען ווערן אויך איינגעהאלטענער
און פארקלערטער. עך! איך האב געדארפט געבוירן
ווערן אין די הייסע לענדער. איך נעם איינארדנען מיין
שטוב א ביסל באקוועמער, מאך די נויטיקע באשטע־
לונגען, באזארג אויף צום הייצן. איך וועל שוין איצ־
טער מער אין ערגעץ נישט פארן, און אויך די באזו־

כער וועלן ווערן וואָס אמאָל זעלטענער. איך וועל זיך אָפּגעבן מיט ביכער, און די אויסגעטראַכטע מע־נער און פרויען וועלן מיר שאַפן אַן אָנהאַלט אַן דער וועלט. איך מוז דאָך האָבן מיינע באַגייסטערונגען. איז אויב איך מוז מיר וואַרימען די הענט אין שיין פון פייער, נו, מסתמא דאַרף אַזוי צו זיין.

אַזוי וועל איך מיר אָפּלעבן די עטלעכע חדשים פאַרשפּאַרט ווי אַ בער אין נאָרע, און וועל טויזנט מאָל איבערטראַכטן וועגן די געשעענישן פון פאַר־גאַנגענעם זומער. אָבער וואָס עס וועט זיין שפּעטער, איז גלייכער נישט טראַכטן. אַלץ פליט מיין גערעַנס אין די הימלען, אָבער קיין אויסערגעוויינלעכעס וועט דאָך נישט זיין — איך ווייס. און איך וויל נישט זיין קיין געגאַרטער, דערהויפּט אַליין זיך נישט אָפּ־נאַרן.

אַלזאָ, בין איך דאָ אַליין געבליבן וואַרטן אויפ׳ן ווינטער. און ס׳וועט זיין נישט צו פאַרזינדיקן. איך זע איך וועל מאָלן בילדער און שרייבן לידער. וואָס דאַרף איך נאָך? אויב איך זאָל זיצן אין גרויסן פענ־סטער פון שטוב — איז דאָך דאָרטן פאַראַן הימל־וואַסער־באַרג אין טויזנט וואַריאַנטן. איך פאַרגעס אויך אָן די טויבן וואָס אויפ׳ן דעכל אונטער׳ן פענ־סטער, און די ווייסע ים־פייגל און די ווייסע לבנה. ניין, דער ווינטער וועט זיך אויסשפּרייטן ווייט אַרום מיר, אָבער צו מיין האַרצן וועט ער נישט דערלאַנ־גען. און דאָ זיצן שטענדיק, וועל איך דאָך אויך

נישט. איך וועל אדויסגיין שפּאַצירן אין דער זון אויפ'ן ווייסן שניי אין די פּראָסטיקע פּרימאָרגנס.

איך האָב אפילו מורא עס וועט קומען, איך וועל קראַנק זיין. נו, איז קראַנק זיין אויך נישט אַזוי שלעכט. עס קומען אין קאָפּ אַריין אַזוינע שיינע ווילדע רעיונות, און מען הויבט זיך אָן אויף דאָס ניי ליב צו באַקומען.

און אַזוי טראַכטנדיק דערשפּיר איך זיך ווידער באַרואיקט און גיי דעם ווינטער אַנטקעגן פול מיט דערוואַרטונגען.

34

עס טרעפט אַמאָל, איך פיל זיך שטאַרק נידערגעשלאָגן און יעדע זאַך פאַרלירט איר רייץ און אמתן ווערט. כאַפּ איך זיך, איך האָב דאָך פריינט ערגעץ אין דער וועלט און איך נעם און שרייב זיי אויס מיין ביטער הארץ. און אַז איך באַקום פון זיי דעם קלוגן גוטן ענטפער, ווייס איך נישט ווי אַזוי נאָר איך זע ממש ווי אַלץ וואָס האָט מיך געבונדן און געקוועלט ווערט מיט אַמאָל לויז און גראַם און מיינע געדאַנקען צופליען זיך ווי די פייגל — איך קען זיי נישט איינהאַלטן. און איך נעם אַ סך אַרומגיין און הויך רעדן און לאַכן. צי וויל איך דאָס פאַרטויבן אַ פאַלשע האָפענונג, אַ פרייד וואָס איז קיין פרייד נישט?

עס איז מיר אַמאָל שווער פאַנאַנדערצעוויקלען דעם חלום פונ'ם וואָר, אַזוי פאַרפּלאָנטערט זענען זיי דאָס איינס אינס אַנדערע, און איך אַליין ווער אויך צומישט. און דאָס וואָס שיינט צו זיין אַ ליכט, ווייזט זיך גאָר אַרויס פאַר אַ שטיק פינסטערניש, ווען דאָס גאַרן טרייבט מיך דאָך צו נעמען דעם ערשטן שריט און מיט די פיס פון קערפּער גיי איך און גיי און צו קיין ממשות'דיקס קען איך נישט דערגיין.

און זייערע אויפגעהויבענע הענט וואָס ווינקן צו מיר זענען אַ טייל פון דער ווייטקייט וואָס ווייטערט זיך אַלץ מער און מער, ביז זיי ווערן ווי פאַרצערט פון דער אומבאַשטימטקייט, פונ'ם חלום. און נישטאָ די הענט מער, און דאָס שרייבן איז אויסגעלאָשן און קאַלט. און מיין אַלטע פיין וויקלט זיך פון דאָס ניי אַרום דער אויסגעצערטער נשמה אויף לאַנגע שרעקלעכע טעג און נעכט — די אַלטע פיין איז געגליכן צו אַ רויך אין שטוב, וואָס שטיקט און ווערגט און פילט אָן די אויגן מיט טרערן.

און די פריינט וואָס וואַרטן אויף אַן ענטפער וואָס קומט נישט און וועט נישט קומען, גייען זיך אָן יעדער מיט זיינע אייגענע דאגות, און פאַרגעסן אָן מיין פלוצלונגדיקן אויסגעשריי.

ענערגיע וועט אַמאָל דערשלאָגן אַ מענטשן פאַר דער צייט, אָבער ערגער איז פוסטעוועון.

אָפּגעשטאָרבן איז דער כח אין האַרצן פון דער

ערד און אויסגעגאַנגען דאָס ליכט אין די אויגן פון הימל. נישטאָ גאָרנישט וואָס זאָל אויף מיר לייכטן, וואָס זאָל מיך פירן, וואָס זאָל מיך טרייסטן. לאַנגזאַם און שווער שלעפּט זיך דער טויט, און איך בין לייכט ווי אַ פעדער אין זיין האַרטער האַנט. דער ווילן איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, און פאַרלוירן האָב איך מיין גלייכגעוויכט. און איצטער בין איך ווי אַ רויך אינ'ם ווינט וואָס ווערט צובלאָזן און צונישט. מיין גייסט איז קראַנק, קראַנק. און איך שטרעק אויס די האַנט מיט די פינף פינגער און טאַפּ אָן די גרעב פונ'ם טיש. און אָט בין איך דאָך אַליין אויך, פאַרמאָג לעבן, בין אַ זאַך אויפ'ן וואָר, און זיכער נישט קיין חלום.

מיין גייסט, ביסט לאַנג געשלאָפן. שטיי אויף, שטאַרק זיך, זיי אין גוטן מוט. איך וועל צוריקגעפינען די גלייכגעוויכט — און דעם גלויבן.

35

איך בין נישט אין כעס אויף די טויזנט נישטיקע זאַכן וואָס פאַרשלינגען מיך אָפּט אויף אַזוי ווייט אַז עס קומט מיר אויס דאָס מיין גאַנץ לעבן איז געווענט אָן זיי. עס איז נישט די שולד פון יענע זאַכן. גיכער איז עס די שולד פון מיר אַליין. און נישט אַזוי מיין שולד ווי די שולד פון די אומשטענדן, פון

דער פּוסטקייט אין וועלכער איך לעב, וואו איך זוך און נאָר אומזיסט נאָך אַ ביסל פרייד. אָבער די זאַך וואָס איך האַלט איצטער אין האַנט, איז אַזאַ גאָר־נישטיקע, אַזאַ מיאוס׳ע, אַזאַ אומנוציקע זאַך — איך האָב דאָס געדאַרפט וויסן באַלד פון אָנהויב. זי איז דאָך דעמאָלט אויך נישט געווען מער ווי איצט. אָבער אין דער צייט וואָס איך האָב זי געגאַרט — וואו איז געווען מיין שכל וואָס האָט זי געזאָלט אָפּשאַצן געהעריק, ווייל זי איז דאָך פאָרט קיינמאָל נישט געווען גאָר נוציק אָדער שיין? אָבער אפשר איז זי דעמאָלט יאָ געווען שיין, און איך געדענק נישט גענוי, אפשר, אויב זי פאַרמאָגט נאָך אַ ביסל חן, איז עס אַן אָפּשפּיגלונג אָדער אַן איבערבלייב פון יענער ערשטער צייט. אָבער אין דער האַנט איצטער ליגט די זאַך ווי אַ שווערע משא און צווישן די פינגער פילט זי זיך גראָב און ניט־געלייטערט. איך בין צופרידן וואָס איך קען זי נעמען און אָן רחמנות צוקראַצן און צושניידן מיט׳ן מעסער און אַריינשלייַדערן אין טייך — כאָטש איך וואַרף אויף אַזאַ אופן אַריין אַ שטיק פון מיין לעבן אין טייך — אַ שטיק לעבן וואָס איך האָב אַמאָל פאַרברענגט און איצט לאַך איך אָפּ דערפון און באַליידיג עס, און באַליידיג זיך אַליין אויך.

אויב איך רעד מיט אַזאַ ביטערקייט, איז עס דערפאַר וואָס איך בין שטאַרק אויפגעבראַכט אויף זיך, ווייל איך זע שוין איין וואָס איך האָב פון זיך גע־

מאַכט. נישט אַזוי האָב איך אַמאָל געחלום'ט אויפצו־בויען מיין לעבן. געגלויבט האָב איך, אַז איך וועל קענען אויסמיידן דאָס אומזיניקע און מיאוס'ע, און וועל זיך קענען דערהויבן פון מדרגה צו מדרגה. איז עס אָבער נישט אַזוי. איך זע אַ זאַך אַ קליינלעכע, אַ פאַלשע, און ווער פאַרבלענט און פאַרכאַפּט פון איר, און שטעל איין אַלצדינג אויף צו באַקומען די זאַך און דערנאָכדעם אַז יענער פאַלשער שיין איז פון איר אַראָפּ, בלייבט איבער אַ טויט שטיק האָלץ, און איך קען עס — מוז עס — אַוועקוואַרפן.

איז וואָס האָב איך געוואָלט אַז דאָס זאָל זיין מיין פרייד, מיין גליק? און אַז איך זאָל זיך דערמיט האַלטן אייביק?

אָבער איך גלויב דאָך נאָך פאָרט אַלץ, אַז עס מוז זיין פאַראַנען אַזעלכס וואָס מען זאָל יאָ וועלן אָנהאַלטן אייביק, אַז עס מוז זיין אַזאַ שיינקייט, אַזאַ חן וואָס זאָל נישט פאַרשווינדן, און איך וועל נישט אויפהערן צו זוכן און זיך איינצושאַפן אַזעלכע זאַכן. אָבער איך מוז אָנווענדן מיין גאַנצע פעאיקייט און זען אַז עס זאָל זיין בלויז אַזעלכס וואָס איך מוז עס האָבן נויטיק ווי דאָס לעבן — ווייל איך האָב פיינט גלאַט גייציקייט. עס איז בא מיר אין בלוט צו לעבן אַן איינפאַך לעבן, און איך וויל נישט אויפשטעלן בא זיך אין האַרצן טויזנט אומווירדיקע אָפּגעטער.

אפטמאָל קלער איך בא זיך, ס'קען זיין געדרונגען אַז איך בין ענגהאַרציקער פון יענע מענטשן ווע־מענס ענגהאַרציקייט רעגט מיך אַזוי אויף. זיי זע־נען אָפטמאָל גראָב ביז ברוטאַליטעט. וואָלט איך גע־וואָלט פאַנאַנדערפּענען דעם קוואַל פון זייערע טרערן, זאָלן זיי וויינען, און אַזוי אַרום אפשר נענטער ווערן מיט'ן טרויער מיט וועלכן ס'איז פול אַ וועלט. צום ערשטן גרייף איך אָן זייער גייציקייט. אָבער זייער גייציקייט איז געפּאַנצערט אין אַ דיקן פּאַנצער. און אַז איך קען צו זיי נישט צוקומען מיט דעם וועג, גיי איך צו זיי מיט אַן אַנדערן וועג — איך גיב זיי אילוזיעס. איך דערצייל זיי משונה'דיקע מעשות און וויל זיי דערמיט אַ ביסל אָפּרייסן פון זייער קליין אָרים וועלטל. איך וויל בא זיי אָנמאַכן אַ טומל אין מח — זאָלן זיי כאָטש אַ ביסל אָנהויבן צווייפלען אין זייערע האַרטע אמת'ן. איך זוך בא זיי צו דערוועקן אַ מורא פאַר'ן אומבאַשטימטן. איך רעד צו זיי פון טויט, פון גאָט. אָבער זייער גלייכגילטי־קייט איז אַ גראָבער געשטאַנק וואָס פאַרפעסטעט די לופט. וואָס האָב איך געזאָגט, וויינען? אודאי קענסטו מאַכן אַ מענטשן צום וויינען, קענסט אים אפילו צוברעכן דאָס האַרץ. אָבער דאָס האָט אַ קליי־נעם באַטרעף. גאָרנישט אַ חוץ אַן אייביקע שרעק

וואָס זאָל איבער זיי הענגען ווי אַ שווערד, קען זיי נישט מאַכן ווייכער, עמפּינדלעכער.

דערנאָכדעם שטעל איך זיך אָפּ און זאָג צו זיך אַזוי: בין איך דען נישט ערגער פון זיי, אַז איך באַנוץ זיך מיט אַזוינע מיטלען. און ווער האָט דאָס מיך דאָ אַוועקגעזעצט איבער זיי צו משפּט'ן? און אַז איך מוסר זיך אויס, קער איך זיך אָפּ פון זיי און מייד זיי אויס פאַר אַ צייט.

אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון מיר, און עס רייסט מיך אַרויס איבערגעוואָלט פון מיין באַהעלטעניש און ברענגט מיך ווידער אַמאָל צונויף מיט זיי. און מיין באַשיידנקייט צוזאַמען מיט'ן כעסן אין מיר שלאָגט זיך גיך ווידער אָן אָן זייער האַרטער קליינלעכער נאַטור, און יעדער וויל גובר זיין דעם אַנדערן — אפשר אים אויסנוצן פאַר זיינע אייגענע צוועקן — ווער ווייס? און מיינע מיטלען זענען ווי איך האָב אויבן געזאָגט. אָבער וואָס פאַר אַן אַנדערע מיטלען קען מען אָנווענדן קעגן אַזוינע שווערע איינגעזעסענע אָבער חוצפּה'דיקע מענטשן? און ווען דער געפיל פון נקמה האָט זיך אין מיר שוין צופלאַקערט גאָר גרויס, פרעג איך, ווי אַזוי קען מען באַ זיי אין האַרצן אָנצינדן אַ פייער פון שיינקייט און פון ליבע וואָס זאָל זיי פאַרצערן מיט אָן אַ סוף יסורים, און ווי אַזוי קען מען זיי אויסמאָלן אַ גאָט וואָס זיין קללה זאָל זיי אַרומיאָגן ווי די הינט איבער דער גאַנצער וועלט.

דוד המלך זאָגט: „געבענשט איז דער מענטש וואָס גייט נישט אין די וועגן פון די לעסטערער און וואָס זיצט נישט אויף דעם אָרט פון די שפּעטער.“ יעדער מיט די זייניקע, און זאָל ער יענע לאָזן צו זייער מין, וואָס וועט זיי אָפּצאָלן לויט ווי זיי קומט, אָן חרטה צו האָבן.

37

דיאָספּאַראַ אויסגעהאַלטנקייט קען מען דערוואַרטן פון אַ מענטשן וואָס נאָר ער האַלט מלחמה מיט זיך? ווי וועט ער דערגרייכן יענע פריידיקע רו פון וועלכער עס בליען ארוים לידער? איך שרייב אזוי צוריסן — בין נישט בכח צו שרייבן גאַנצער. די שולד ליגט אפשר אין דעם היינטיקן משוגע־געוואָרענעם לעבן, און אפשר ליגט די שולד אין מיר, וואָס איך קען נישט באַשליסן ווי עס איז גלייכער, צי זיך צו פאַר־פעסטיקן דאָ, צי זיך צו לאָזן מיטרייסן מיטן שטראָם. איינזאַמקייט צי מענטשן? — דאָס איז טאַקע וואָס עגבערט מיר היינט דעם מח.

איך דורשט נאָכן אָנבליק פון מיינע פריינט. מיין אומגעבונג האָט זיך צוזאמענגעצויגן אויף א שפּאַן די גרויס. אומפריינטלעכע געזיכטער גלאָצן אזוי אויף מיר אין גאַס, און פון מיר סטאַרטשען ארויס אין אלע זייטן שאָטנס וואָס ווארפן אָן א שרעק אויף מענטשן.

גיין, אזא לעבן איז אומגעלומפערט און אומפרוכט־באר. אָבער פּאָרט פאַרמאָג איך דאָ נאָך אַן אָנהאַלט, דאָס ביסל טרייסט: איך בין פריי און לעב אין פרידן. אָבער ווי דאָס ביסל צווייפלהאַפטער פרידן וואַקסט אויס און פאַרנעמט זיך אין דער גרויס, ווען עס דוכט זיך מיר אז עס איז מעגלעך אז איך קען זיך אוועקלאָזן פון דאַנען און זיך פּאָרט איינשטעלן צווישן מענטשן! אז איך קען שוין אוועקגיין, ווילט זיך מיר, פאַר־קערט, בלייבן: וואָס פאַרא גליק ס'איז פאַר דיר ווען דו דאַרפסט נישט פילן אויף זיך די לאַסט וואָס מענטשן לייגן אויף דיר געוויינטלעך אַרויף, און ווי גוט ס'איז צו טראַכטן דיינע געדאַנקען פאַר זיך.

אָבער בשעת איך טראַכט אז איך האָב זיך באַרו־איקט, ווערט אין מיר רייף א נייע משוגעת, און דאָס משוגעת רעט אַזוי: איך בין דאָך צוריסן מיט דער גאַנצער וועלט. איך צוים איין מיינע כחות וואָס זע־נען דאָ געוואָרן אזוי נאַריש ווי די פוסטע ווינטן וואָס שלאָגן זיך נישט אָן קיין ווידערשטאַנד. איך מאַך קיינע אָנשטרענגונגען, דערפאַר וואָס גאָרנישט רופט אין מיר נישט אַרויס קיין באַדערפעניש. און דערמיט וואָס איך האָב זיך צוריקגעצויגן פון מענטשן האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון צו געניסן יענע פיינע מענטשלעכע פּלאַנץ — די בלום פון ליבע און גע־טריישאַפט — דאָס צוזאַמענלעבן מיט א פרוי. אָבער, גאָט אין הימל, וואו וועל איך געפינען אַן אָפּרו — רו — אין דעם גרויסן ווירוואַר, און ווי וועל איך זיך

אויסהיטן פון דעם גאָרנישטיקן וואָס פּרעסט אויף א מענטשן, און ווי וועל איך קענען אויסמיידן צו פאַר־טעמפּן מיינע טעג מיט רייד! און ווי אזוי וועל איך קענען נישט מקנא זיין יענע קינסטלער וואָס שטופּן זיך אזוי טיכטיק מיט די עלנבויגנס און דערשטופּן זיך צו רום און דערפאָלג? אין מיין באַגרענעצטער פרייד, בין איך פריי זיך צו דערגאַנצן אויף ווי ווייט איך קען אויף אן אמתן דערלאַנגען.

אָבער דער טייוול וואָס ליגט בא מיר אין בלוט טרייבט מיך פון דאַנען, און ווי עס ווייזט אויס וועל איך שוין מוזן אוועק, כאָטש איך זאָג זיך אזויארום אָפּ פון ביידע וועלטן. מיין גייסט איז נישט פון יענע גוטע שטילע קינדער, און איך באַדאַרף און וויל גרוי־סעליידנשאַפטן וואָס זאָלן מיך אָנצינדן מיט א פייער וואָס זאָל מיך פאַרצערן. זיכער, ווען איך קען זיך אויפשטעלן אן אייגן שטיקל הויז מיט א גאָרטן אין מיטן דער טומלדיקער גאַס, וואָלט דאָס געווען וואונ־דערלעך. עס וואָלט נישט געווען פולקאָמען און אויס־געהאַלטן. אָבער דאָס היינטיקע לעבן קען דאָך נישט זיין אנדערש. מיר האָבן א צו ברייטן אויסוואַל — אונדזערע שטרויכלונגען, די אָן־א־צאָל וואַרילע איידע־לע זאַכן פון היינטיקער וועלט. און וואו איז דער מענטש היינט־צו־טאָג וואָס איז נישט קיין דילע־טאַנט?

און איצטער ווען עס פּלאָגן מיך אזוינע רעיונות, ווי אזוי קען איך האָפן אויף רו אין דער רו פון מיין

איינזאמען לעבן? מיינע שטימונגען זענען א משוגע־נער אראבעסק פון ווידערשפרעכונגען. אָבער דאָ בין איך דאָך — איינזאם. איך וועל זיך דאָך נישט איינ־רעדן אז נישט. יאָ, און אמאָל אין אן אָנפאל פון גרוים בענקעניש וועל איך זיך אויפהייבן און אנטלויפן ווי שוין א סך מאָל פריער. אָבער פון זיך וועל איך שוין קיינמאָל נישט אַנטלויפן. און אייביק וועל איך שוין זיין אזוי ווי עפּעס אַ טייוול וואָלט מיך מיט אַ האַס געשפּאָלטן אויף צוויי מענטשן בלוטיקע שונאים.

38

נישטאָ דאָס וואָרט וואָס זאָל אויסזאָגן וואָס איך פיל איצטער. און אפילו מיט אַ סך ווערטער וועל איך דאָס אויך נישט קענען זאָגן. ווערטער זענען מיר איצט אַ שטער צו מיינע געדאַנקען וואָס זענען אַזוי דיין און דורכזיכטיק און באַנג. ווען איך קען וואָלט איך מיינע געפילן אַרויסגעשפּילט אויף סטרונעס, קען איך דאָס אָבער נישט. מיינע געפילן זענען ווי לופט, ווי לייכטע וואָלקנס פאַרנאַכט. אויב מיינער אַ פריינט וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער געקענט וויסן וואָס איך פיל, אויב איך וואָלט זיצן אָפּגעווענט פון אים מיטן פּנים און נישט רעדן? אין פּנים און אין די רייד וואָלט ער עפּעס געמערקט, וואָלט ער מיך אַרויסגעפּאָדערט אים דערציילן אַליץ. און איך וואָלט

ניִשט געוואוסט וואָס אייגנטלעך צו זאָגן, אַזוי ווי איך ווייס דאָס איצטער ניִשט. מיט אַ ווײַלע צוריק האָב איך עפּעס געמורמלט צו זיך. איך האָב עפּעס יאָ פֿאַרשטאַנען, אַזוי ווי מען פֿאַרשטייט אין אַ חלום איידער מען וואַכט אויף. איך וואָלט זיך באַמיט צו דערמאָנען ווען איך ווייס איך קען זיך דערמאָנען — איך קען אָבער ניִשט. איך בין געזעסן מיט'ן קאָפּ אין די הענט און געזיפֿצט, און דאָס געמיט בײַ מיר אין האַרצן איז ניִשט געווען אין גאַנצן שטיל רואיק.

דער דרויסן איז פֿול מיט גוטער לופֿט. שוין קיל אַ ביסל, ווינטערדיק. צוויי רייען בלויילעכע בערג אַהינטער דער גאַס און גאָר גאָר ווייט איז דער הימל עטוואָס פֿאַרצויגן מיט אָוונט. ערגעץ הינטער די הײַזער זעצט זיך די זון, אויף דער ערד מיר צו די פֿיס אויף אַ פּאָר נידריקע גרינע גרעזלעך ליגט נאָך אַ ביסל וואַרים ליכט. איך בין אַליין אַרומגעגאַנגען שפּאַצירן.

און איצטער אין האַלבן ליכט פֿון צימער בין איך ווידער אַליין. איך וויל זאָגן, אָבער איך שעם זיך, אַז איך בין איינזאַם און קיינער האָט מיך ניִשט ליב. צווישן מיר און דעם נאָענטסטן געגנשטאַנד פֿיל איך מײַלן ווײַט, און פֿון די געגנשטאַנדן פֿון ווײַטן איז שוין אָפּגערעט. זיי האָבן קיין ממשות, און אַלץ פֿאַרשווינט פֿון אונטער די אויגן. איך שוועב אַרום אין לײַכטע ווײַטע טענער, אין זומערדיקע וואָלקנס. איך צינד אָן די לאָמפּ, און דאָס ליכט פֿאַרטרײַבט

מיר אליץ ארוים פון מח. די פרייד איז דאָך אָן מיר געווענט, קלער איך. אז איך וויל איז מיר גוט. און מיר איז איצט גוט, און איך האָב גאָר קיין אנונג נישט דערפון. איך חלום צופיל, איך מוז אויפוואכן. איך ווער פארפאלן אין מיינע חלומות ווי עפעס אן אלט מענטש. וואָס איז דאָס פאר א חלומ'ען! איך וועל זיך אויסזידלען ווי א הונט, איך האָב דאָס פארדינט. איך בין אליין — יאָ, איז וואָס? יעדער מענטש איז אליין. א מענטש איז קיין מאָל נישט מער ווי איין מענטש. און ווי אזוי וועט א צווייטער דיר פארשאפן יענע עכטע פרייד וואָס דו גארסט און וואָס איז געווענט בלויז אָן דיר? מען דארף זיין איבערצייגט, אז ס'איז גוט — איז גוט. ס'איז געווענט אָן ווילן. איך קען גיין אהין אָדער אהער. איך קען נישט גיין גלייכצייטיק אי אהין אי אהער. איך האָב געדארפט וויסן וואוהין איך וויל גיין. אויב מען וואָלט געקענט גיין אי אהין אי אהער, וואָלט דאָס געווען פולקאָמענע פרייד, קען דאָס אָבער נישט זיין אזוי. גיי איך אויף איין וועג. טיילט זיך אָפּ א טייל פון מיר און גייט אוועק פון מיר, און דער טייל נעמט מיט מיין בענקשאפט. איז שטענדיק פאראן עפעס וואָס האָט געקענט זיין און איז נישט געוואָרן, און געוואָרן איז אזוינס וואָס האָט נישט געדארפט זיין. איך וואָלט זיך וועלן באנוגענען און זאָגן ס'איז גוט אזוי.

פארביי מיר אין ליכט פון לאָמפּ שטייען אויף פי־

גורן, פנים׳ער לייכטן אויף. עך, איך בין א קמצן אויף מיינע כחות. איך בין א פיינגלינג, וואָס שרעקט זיך פאַר דער וועלט אויסערהאַלב זיינע געדאַנקען. אויב איך וואָלט נאָכגיין נאָכ׳ן רוף פון מיין ווילדן בלוט, וואָלט איך געדאַרפט לויפן אין דער ווייטער וועלט אריין, אָדער איך וואָלט זיך געדאַרפט אַ מעשה אָנטאָן אום איינמאָל פאַר אַלע מאָל לויז צו ווערן פון די שלאַנגען וואָס עסן מיר דאָס האַרץ.

39

איך האָב אָוועקגעשטעלט איבערצייגונג העכער פון גלויבן. די זאַך אין וועלכער איך גלויב מוז אויסהאַלטן גאָר אַ סך פּריפונגען. און יעדער באַ־וויז איז אַ פרישער נר תמיד וואָס איך צינד אָן אויף צו פאַרהערלעכן מיין גאָטהייט.

און דאָך גלויב איך אין שיינקייט, כאָטש איך פאַרשטיי נישט דעם זין פון שיינקייט און ווייס נישט מיט וואָס די ערשיינונג איז שיין. און אויף דער אייגענער אַרט, ווער איך אויך הינגעריסן פון לעבן און ווייס נישט איינגעטלעך צו וואָס. איך וועל זיך מיט דיר אפשר אַמפּערן וועגן דעם גאָט פון די בתי מדר־רשים, אָבער איך זע ממש מיט די אויגן און פיל עס געוועלטיקט אַ גאָט איבער דער וועלט.

זאָלן די יעניקע וואָס קענען זיך איינרעדן אַז זיי

זעען, זאָלן זיי מיינען אז זיי זעען די האַנט וואָס שרייבט. איך זע בלויז די שריפט און פּרואוו לייענען דאָס געשריבענע. איך פאַרשטיי די מעשה בוכשטעב־לעך. אריינטייטשונגען און באַהאַלטענע כוונות באַ־גרייף איך נישט — אויף דאַרויף פאָדערט זיך גלויבן.

און די מעשה מוז קאָנען ביישטיין מיינע שטימונ־גען וואָס צואַקערן זי אַהין און אַהער פון גרוים ליב־שאַפט אַזוי ווי מען צואַקערט אַ פעלד באַם הויז.

און אַז מיין מח איז איבערגעוועלטיקט פון צווייפל? צווייפלען צווייפלט מען דאָך אָבער נישט אייביק.

נאָר אַז איך זאָל וועלן מיטאַמאָל דערגרייכן אַ נייעם באַגריף, דערזען אַ ניי־אויפלויכטנדיקע זע־אונג — דערפיל איך עס פעלט מיר דער גלויבן וואָס קען זיך לייכט צעוואָרימען פון דער אָנגעהויכטקייט אין דער לופט. אויב איך שפּרייט זיך אויס אין דער ברייט, איז עס מיט גרוים מי און לאַנגזאַם. באַדאַכט נעם איך יעדן שריט און וואוהין עס פירט מיט מיר, לאָז איך זיך פירן — און מיט אָפענע אויגן קוק איך צו.

איך בין מיין אייגענער געוויסן — דאָס וואָס איך קען נישט רעכטפערטיקן, וואַרף איך אָפּ אויב איך קען. קיין פאָרמול: וואָס איז שיין — האָב איך נאָך נישט אַנטדעקט און נישט דערפונדן קיין לעבנס־פילאָ־זאָפיע. איך האָב נאָך אַפילו נישט אָפּגעמאַכט באַ זיך וואו די נשמה באַ אַ מענטשן האָט איר רו־אָרט.

די ערשיינונג, די עמפינדונג, די זאַך אַנטפּלעקט

זיך פאַר מיר אַזוי פּשוט ווי אַ מענטש וואָלט זיך מיר אוועקגעשטעלט פאַר די אויגן — און איך נעם עס אַריין צו זיך אין האַרצן און מאַך עס פאַר מיין אייגנס, — און היט עס לאַנג, לאַנג אָפּ. אָבער אַז מיין געדאַנק נעמט פון מיר פאָדערן: וואָס, און צו וואָס? קען איך אים נישט אָפּקומען מיט אַ לייכטן מאַך מיט דער האַנט — מיין נאַטור איז נישט אַזאַ וואָס זאָל זיך קענען באַנוגענען מיט דער שטילער פאָרכטיקייט פון גלויבן.

40

אַ ויף ווי ווייט איך קען דינען אַ מענטשן און אים פאַרשאַפן פרייד, אויף אַזוי הויך שאַץ איך זיך אין דער ווערט. ווייל איך דאָך אַז איך זאָל זיך קענען שאַצן זער הויך, פראַוו איך דערפאַר זיך שטאַרק נוצלעך צו מאַכן. איך קען זיין אַמנוצלעכסטן פאַר יענע מענטשן וועמען איך קען דינען מיטן האַרצן און מיטן אייגענעם פרייען ווילן. פון גרעסטן נוצן אָבער קען איך זיין נאָר דעמאָלט ווען איך קען אַ מענטשן פאַרשאַפן פרייד דורך דער אַרבעט וואָס איך אַליין האָב אויך ליב. דאָס איז יענע אַרבעט וואָס איך האָב מיר געשטעלט פאַר מיין ענד־ציל אין לעבן. איך האָב מיך געווידמעט דער קונסט. און אַזוי ווי פאַר מיר

קונסט באַשטייט נישט בלויז פון די בילדער וואָס איך האָב געמאָלן נאָר אויך פון דעם מענטשן אין זיך וואָס איך האָב אויסגעמייסטערט מיטן מאָלן בילדער, שטרעב איך דערפאַר אַז איך אַליין מיט מיין בלויזער אַנוועזנהייט זאָל אויך קענען זיין אַ פרייד פאַר מענטשן.

אָבער אַזוי ווי דער וועג מיט וועלכן איך גיי איז נישט קיין גלייכער און זיכערער וועג נאָר אַ קרומע סטעזשקע אין אַ טונקעלן וואַלד, ריכטיקער — אַזוי ווי מיר קומט אויס צו לעבן מיט מענטשן אין לייד און אין פרייד, מאַך איך דורך פאַרשידענע צייטן, און פיל זיך אַמאָל געזונקען ביז דער ערד און אַמאָל דערהויבן ביז גאָט. און לויט ווי איך פיל אַזוי האַלט איך פון זיך און שאַץ אָפּ מיין ווערט. ווען איך דין אַ מענטשן אין אַ קלענערער מאָס, איז נישט איך דערוואַרט און נישט איך פאַרלאַנג מער ווי מיר קומט, אָבער ווען איך בין בכח אויף גרויסע אָנשטרענגונגען און פאָדערן פאָדערט מען פון מיר קלענערע אָנשטרענגונגען, פיל איך זיך ניט־גוט און אויף אַ נידעריקע מדרגה. און אויב איינער וועט קומען און טראַץ דעם וואָס ער זעט בחוש מיינע קליינע פאַרדינסטן, וועט ער מיך דאָך וועלן באַלוינען אַריבער מיינע פאַרדינסטן וועל איך אים באַטראַכטן פאַר אַ קאַפּריזנעם און פאַר נישט קיין פאַרשטענדיקן מענטשן.

און אַזוי ווי עס קומט מיר אָפּטמאָל אויס זיך אָפּ־צוזאָגן פון אַ טייל פון זיך, לייד איך דערפון גרויסע

יסורים. ווייל דאָס וואָס איך טו דאָס בין איך אַליין אויך. וואָלט מיר דאָ געגאַנגען אין שטאָלץ, וואָלט דאָס מיך ווייניק געאַרט; און אַז מיין האַרץ וואָלט דערפון אַ ביסל געליטן, איז דאָס נאָך אויך אַ קליי־ניקייט. וואָס עס טוט יאָ וויי איז דאָס וואָס די רעפ־לעקסן פון אַ מענטשן, וואָס שטעלן צונויף דעם מענטשן, זאָלן זיין באַזונדער אַזוי ניט־פּולקאָם, צוברעקלט און טונקל.

עס איז מסתמא יאָ פאַראַן אַ דורכשניטלעכע מדרגה אין דער בלענדעניש פון רעפלעקסן און שטימונגען — אַזאַ מאָמענט פון ריינער אָביעקטיווער פאַרקלערט־קייט ווען אַ מענטש דערפילט געגוי זיין אמת'ן ווערט. אָבער איך קען פאָרט נישט נעמען אויף זאָגנ פאַר־גוט אַזאַ אורטייל. אויך וויל איך נישט זיין צו שטאַרק זיכער אַז דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט וועגן זיך.

צו דעם אַלזאָ וועל איך אייביק שטרעבן: אַז מיין יעדע האַנדלונג באַזונדער זאָל פאַרדינען מיין אַכטונג צו זיך.

41

נאָכדעם ווי איך באַקום שוין די זאַך וואָס איך מוז אַזוי אומבאַדינגט האָבן, איידער איך קען אָנהויבן מיין פאַרטראַכטע אַרבעט, זע איך שטענדיק איין אַז די אַלע פאַרבאַרייטונגען זענען געווען אַרויסגע־

וואָרפענע מי, און דערהויפּט האָב איך זיך נישט גענויטיקט אין יענער געגאַרטער זאַך. ווארים א חוץ דאָס גאָר נויטיקסטע, באַדאַרף איך קיין שום זאַך נישט. איך האָב פשוט געזוכט אויסצופילן די לאַנגווייל, און פאַר זיך אַליין כלומר׳שט געפינען אַן אויסרייד פאַר מיין אָפּלייגן די אַרבעט. איך בין פשוט אַ פוילער מענטש און דאָס אַרבעטן פאַלט אויף מיר שווער. אַמאָל פלעג איך זיך דאַכט מיר קענען שפּילן, און דאָס וואָס איך האָב שפּילעוודיגערהייט געמאַכט, פלעג איך ווייזן אַלס קונסט. איצטער אָבער פאַלט אויף מיר אויך דאָס שפּילן שווער.

פרעג איך זיך: דאַרף אַ מענטש זיך אָנשטרענגען צו מאָלן, צו שרייבן, אַז עס איז פאַר אים קלאָר אַז ער איז שוין נישט קיין קינד און אַז ער שאַפט נישט אַרויס פון זיין פריילעכן געמיט? נאָך אַ זאַך פרעג איך זיך: און אַז איך האָב שוין אַמאָל געמאָלן, געשריבן, מוז איך שוין שטענדיק אָנגיין דערמיט, בלויז דערפאַר וואָס איך האָב אַמאָל אָנגעהויבן? איך האָב זיך דאָך אַמאָל געשפּילט אין בלאָטע, און איצטער טו איך עס נישט מער, ווייל איך האָב דערצו קיין נייגונג נישט. אויב מיין איצטיקער ווונטש איז צו זיצן און חלומ׳ען מיט אָפּגעשטאָרבענע הענט אָדער אַרומצושפּאַצירן אין די גאַסן פון שטאָט, אָדער אַוועקצוגיין אין שטאָט־גאָרטן צו שעפּן נחת פון שווערלייביקן פאַר׳עפּוש׳טן היפּאָפּאָטאַמאָס, — פאַרוואָס זאָל איך עס נישט קענען טאָן, נאָר אָנשטאָט דעם

אייביק קלערן וועגן פארטראכטע ארבעטן וואָס איך ליג סיי־ווי אַלץ אָפּ ווייל איך בין אַ פוילער מענטש?

און דאַרויף ענטפער איך זיך אַזוי: פוילקייט איז אַ שלעכטע מידה. אַ בעסערע מידה איז ארבעט, ווייל ארבעט צוטרייבט די לייכטע נעפּלען און עס באַווייזט זיך דער הימל מיט דער זון. און איך בין קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק אַנטציקט ווי ווען איך דערבליק אין זיך הימל און זון. און דערפאַר דאַרף איך זיך נעמען אין קאָפּ אַריין אויף צו געדענקן און אָנצווענדן: אַז צו לעבן אין דער וועלט אַריין, איז צו לעבן אין פינסטערניש.

42

איך גאָר אויסצושרייען און צו רופן הויך אויף אַ קול צו עמיצן ווייט אין די וועלטן, ער זאָל קומען און שפּרייטן אַ ליכט אין דער פינסטערניש פון מיין געמיט. איך האָב זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ וואַנט, איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ נעץ. מיינע פיס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מיין מח איז אַנדרימלט געוואָרן פון אַ זיסלעכן ריח. איך וואַרף זיך און דריי זיך ווי אַ געפּענטעטער. איך ווער פאַרפאַלן אין אַ שוואַרצן תהום. צום טייוול זאָל גיין די צייט מיט אַלצדינג, מיט אַלצדינג וואָס האָט מיר נאָר ווען ס'איז אַמאָל פאַרשאַפט פרייד.

צייט שטייט מיר דאָ בא דער האַנט און רעט: איצ־טער, אַז דו שעלטסט, גיי איך אַוועק און וועל נישט צוריקקומען. דאָ האָסטו אַ רויטע פּרוכט; דאָס גרינע בלאַט איז עפּעס אַנדערש, אָבער גוט גענוג פאַר ווערים.

גאָט! ווען איך קען צוזאַמען נעמען אַלץ וואָס איך האָב, און דאָס אָפּזונדערן, אויסשניידן און אויסרייסן פון דעם פּלאָנטער וואָס איך בין, און דאָס „זיין", פריש און לויטער, זאָל קענען אַרויסגיין צום ים אָדער אַרויפגיין אויף אַ הויכן באַרג! דאָס קען דאָך אָבער נישט זיין. איך וועל שוין מער נישט קענען אָנהויבן פון אָנהויב.

איך בין מקנא מענטשן וואָס קענען דערהרגענען זייערע געליבטע. איין איינציקע ווענדונג, און צייט הערט אויף צו ווירקן און פאַרלירט אַלע שרעקן. און איך בין מקנא יענע גליקלעכע געמיטער וואָס קערן זיך אויס אויף דער לינקער זייט און גייען אַזוי אַרום שמייכלענדיק כאָטש פאַראורטיילטע, זייער גאַנץ לעבן.

אויב איך זאָל זיך איינשפּאַרן און וואַרטן, דאָס הייסט, אויב איך זאָל קענען וואַרטן מיט געדולט, וואָלט אפשר אַלץ געוואָרן צוריק רעכט. אין דער אמתן אָבער ווערט קיין זאַך נישט צוריק ווי געוועז. מען שטעלט זיך אויף דאָסניי איין, מען פּאַסט זיך נאָכאַמאָל צו, ווען דאָס האַרץ איז שוין צו שוואַך און בויגיק אַז עס זאָל זיך קענען צוברעכן.

איך האָב זיך איבערגעגעבן אין די אייגענע געטרייע

גוטע הענט אריין, און זע וואָס איך האָב פון זיך געמאכט! איך בין צו גייציק. איך האָב נישט גערן קיין פרייהייט. ווען איך בוק זיך פאר א פרוי און ווען איך קני אנידער פאר אנדערע שוואכקייטן — איז דאָ פאַרוואָס צו וועלן אַנטלויפן, וואָרים איך זינק איין, איך ווער פארברענט.

נו, איך וועל זיך לאָזן אין דער וועלט אריין, פארלאָזן די היים, פארגעסן אָן די פריינט, איבערשניידן אלע פארבינדונגען. און דערנאָכדעם, א פרייער און אָן לאסטן, אָנקומען אין א ניי לאנד, און אין אזא פרעמד לאנד לעבן, — אָדער שטארבן, — ס'איז אלץ איינס.

43

דאָס לעבן באַוואונדער איך, אָבער דער טויט שרעקט מיך. רויט פייער, און באַרג־נאַכט שרעקט מיך, און אַ חיה מיט איר שווערן ווייכן לייב. איז אַז עס פאלט אויף מיר אָן א פחד מיט אַ ציטערניש, אַנטלויף איך. ווערט מיר לייכט און גוט אזוי ווי אן אלטן מענטשן. ווער איך אין כעס אויף זיך דערפאַר, גיי איך צוריק אריין אין די טויערן פון שרעק, און קלער וואוהין וועל איך אנטלויפן פון טויט: און פון מיין גוף וואָס וועט ווערן? ווייס איך דאָך. ווייס איך נישט. וואָרים עס איז נישט מעגלעך אז איך,

וואָס ווייס אז איך בין, זאָל אויך ווייסן אז איך בין נישט. אלץ באוואונדער איך ביז איך קום דערצו צו נאָענט, ווערט מיר דאַן אזוי אומהיימלעך. באַנעם איך גאָרנישט, פיל בלויז אז איך האָב פאַלש גע־גלויבט אז איך האָב באגריפן, און באגריפן האָב איך נישט.

אפילו די שאָל פון כינעזישן פאָרצעלאַן מיט די בלויע פישלעך, פייגל און בלומען אויף דער שאָל און די רויטע בלימלעך אויפן טעצל, זענען מיר אזאַ פרעמד לעבן. דאָס דינע גרעזל אין דער שווארצער ערד — אלץ, אז איך קום צו נאָענט, איבערוועל־טיקט מיך. און אז זי האָט אין דער שטילער נאַכט שטיל ארויסגעזאָגט מיין נאָמען, האָט מיך א שרעק גענומען פיבערן, און איך בין אנטלאָפן און זיך אויס־באהאלטן אין איר. אָבער וואוהין וועל איך אנטלויפן פון טויט: און פון מיין גוף וואָס וועט ווערן?

די שרעק שטעכט אריין איר שווארצן שנאָבל אין דעם רויטן דמיון, נעמט זיך אין אלע זייטן שפרייטן און כוואליען און צוטראָגן און זינגען. זע איך מענטשן אנטלויפן צו די ווייבער מיט די הייזער און קלאמערן זיך איין אין די ווענט, אין די טישן, אין די לייבער, בינדן זיך צו מיט שטריק צום לעבן — אבי לעבן. צינדן אָן ליכט צו פארטרייבן דעם אומעט, זינגען, טומלען, קליגן זיך, מאַכן אָן אָנשטעל: דער טויט איז נישטאָ, אלץ איז קלאָר ווי אויף דער האנט.

און אז די זעאונג גרייכט צו מיר, פארשפאר איך זיך איינער אליין אין שטוב: אדרבה, קום און צופרעס מיר ס'האַרץ מיט'ן מח, גרויסע וואונדערלעכע שרעק.

44

צו זיבעצן יאָר האָב איך אין אן עסעי אזוי געשריבן. אויב מיין פאָטער וואָלט שטארבן און איך וועל אַנגעוויזן אויף זיך אַליין, קען איך מיר נישט פאָרשטעלן וואָס עס וואָלט מיר אויסגעקומען צו טאָן. אָבער איך ווייס אז עס וואָלט מיר אָנגעקומען זער שווער דאָס לעבן. אָבער א מענטש מוז דאָך עסן און טראָגן א גאנצן מלבוש און שלאָפן ערגעץ אין א ריין בעט, גלויב איך אז איך וואָלט זיך ווענדן צו דער וועלט און אזוי געזאָגט: „הער מיך אוים וועלט, וואָס דו באָרגסט אוים געלט אויף פראָצענט, איך בעט דיך ליי מיר אוים טויזנט טאָלער. איך טראָג זיך אַרום מיט א פלאן אין קאָפ און אפשר וועט דערפון עפעס ווערן מיט דער צייט. גלויב מיר דו האָסט אָפטמאָל שוין מער איינגעשטעלט.“

אָבער די וועלט ענטפערט מיר אָפ אזוי: „וואָס פאר א פלאן האָסטו דאָס אזוינס וואָס עס דארף נעמען צייט אויף אויסצופירן? אָבער קודם כל דארפסטו דיך לאָזן באקוקן פון א דאָקטאָר וואָס זאָל באשטעטיקן ווי לאנג דו וועסט לעבן און ווי דו האלטסט

מיט געזונט.״ האָט די וועלט, דער פּראַצענטניק, איינ־
געלאַדן זיין פאַמיליען־דאָקטאָר ער זאָל מיך גרינט־
לעך אונטערזוכן. און ווי געוויינלעך, פּרואווט דער
דאָקטאָר אויס מיין בלוט, מעסט אויס די לונגען,
הערט זיך צו צום האַרץ, און פרעגט זיך בא מיר
נאָך אויף מיינע שלעכטע געוואוינהייטן. איז דער
אורטייל קעגן מיר. ער זאָגט מיר אַז לאַנג לעבן,
שיינט, וועל איך נישט, און אַז אין גאַנצן געזונט
וועל איך אויך נישט זיין. און ער גריבלט זיך אין
מיר ווייטער און געפינט אויס אַז מיין מח איז אָנגע־
שטעקט מיט פּאָעזיע און אַז איך בין אַ בעל חלום
און צו דעם אַלעם בין איך נאָך אַ פוילער אויך. און
די וועלט, דער פּראַצענטניק, האַנדלט טאַקע לויטן באַ־
ריכט, און פאַרהאַקט פאַר מיר די טיר און וויל מער
נישט הערן קיין טענות פון אַזאַ איינעם. אָבער איין
זאַך זאָגט ער מיר יאָ, מעשה עצה: „גיי און געפין
אַרבעט אין איינעם פון מיינע רעכנ־הייזער.״

די שולן האָבן מיך אויסגעלערנט מאַניפּולירן מיט
ציפער. איך קען די נויטיקע פּראָצעסן פון רעכענען,
וואָס וועלן מיך פאַרזאָרגן מיט מיין טעגלעך ברויט.
ביז איצטער האָב איך געמיינט אַז דער גאַנצער רוים
איז פול מיט קלאַנגען און מיט ווערטער, אָבער איצ־
טער געפין איך צימערן, הייזער, גאַנצע גאַסן, אַ גאַנ־
צע שטאָט, גאַנצע שטעט פול מיט ציפער, הייזעריק
מיט ציפער. דאָס הייסט, די שולן האָבן פאַראויסגעזען
מיין קלאָג און האָבן מיך שוין פאַרזאָרגט.

מיין פּלאַן אָבער גייט, ווי עס זעט אויס, צו גרונט — באַשליס איך, איך וועל נאָכאַמאָל פּרוּוון אַריינ־גיין צו דער וועלט, דעם פּראָצענטניק, אָבער ער האָט דאָך פאַרשלאָסן די טיר. שריי איך אַריין צו אים, און ער ענטפערט מיר אָפּ מיט אַ געשריי. איך שריי: „איך וויל נישט דיין געלט." ער שרייט צוריק: „גאָט האָט נישט באַשאַפן די וועלט פאַר קיין טויגעניקעס." איך שריי: „איך וויל נישט דיין געזונט." ער שרייט צוריק: „איך האָב אָבער געוואוסט, אַז דו ביסט אַ דעגענעראַט און אַ נאַר." איך שריי: „לאָמיך צו רו, דו הערסט, לאָמיך צו רו. דיינע ציפער ברענען זיך מיר איין אין לייב. דיינע פאַרשאָלטענע ציפער פאַר־מיאוס'ן מיר ס'לעבן. דער סם פאַר'סמ'ט מיינע רייד. מיינע רייד זענען האַס און קללות." פאַרטרייבט מען מיך מיט אַ שטעקן פון טיר.

אָבער איינמאָל אַז די וועלט איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ קליינע חרוב'ע הייזקע, דערזעט ער ווי איך זיץ און וויין, ווארים איך בין הונגעריק און מיין גייסט איז כמעט ווי אויסגעשעפּט. האָט ער אויף מיר רחמ־נות — ס'וועט דאָך אים נישט טייערער קאָסטן. ער גיט מיר לייכט אַ שטורכע מיט'ן פוס און זאָגט: „אוי, וואָס פאַר אַ נאַריש אינגל. אַן איינפאַל: אַ פּלאַן אין קאָפּ. וועסט דאָך שטאַרבן מיט דער חכמה אין בויך. אַ מענטש מיט אַ גוטן זכרון, מיט אַזוינע אײדעלע הענט אויף צו האַלטן אַ פען, און דאָ — דער וועלטס חשבונות וואָס מוזן אַזוי געניי באַהאַנדלט ווערן. דו

מיינסט אודאי איך האָב אַ שטיינערן האַרץ — מאַכסטו אַ טעות. איך גיב גאַנצע קופּעס מיט צדקה, אָבער מיט אַ תנאי אַז עס זאָל גרייכן אַלץ אַ גרעסערן כּלל. טאַקע יאָ, וואָס איז אַן איינצעלנער, אַ יחיד, אַ מענטש — זאַמד און שטויב — אַנישט? און דו צו דעם אַלעם ווייזט שוין אַזוי פּרי אַרויס סמנים פון עקשנות און ניט־געטריישאַפט.

ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט מיט גרויס גדלות, און גייט זיך אַוועק. איצטער באַגעגנען זיך אַמאָל אונדזערע וועגן, אָבער מיר האָבן שוין לאַנג ביידע באַשלאָסן זיך צו איגנאָרירן. און אַז איר וועט פרעגן וואָס זע־נען די קוואַלן פון וואַנען איך שעפּ, וואָלט איך אַזוי זאָגן: די קוואַלן מיינע זענען געגליכן צו אַ מעסער מיט אַ שאַרפער זייט און אַ טעמפּער זייט. די טעמפּע זייט איז טעמפּ ביז גאָר און קוים זי דערגרייכט מיך. ווידער די שאַרפע זייט — נו, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש — דין, שאַרף און געוואַגט.

קורץ נאָכדעם איז מיר מיין פאָטער געשטאָרבן, און אַלץ וואָס איך האָב דאָ דערציילט האָט אין אַ געוויסן זין זיך מיט מיר טאַקע פאַרלאָפן.

איך האַלט ערשט אין אָנשטעלן מיין גייסט אויף צו שפּילן די גרויסע פֿאַנטאַזיע, און ווען איך וועל גרייט זיין ערשט רעכט אָנצופֿאַנגען, וועל איך שטאַרבן. איך ווייס דאָס, וואָרים איך פֿיל אז איך האָב נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן צו לעבן און אָט האָב איך שוין אזוי פֿיל צייט פֿאַרשלונגען ווייַלנדיק אין די פֿאָדערשטיבער.

אָבער נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן. מיינע געדאַנקען האָבן פּלוצלונג אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג, ווען איך האָב גענומען די פּעדער אין האַנט. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, אז דו, אז איך, ווערן מיר יעדער מיט יעדן טאָג גאַנצער, רייפֿער, און אָנגעזאָפּט מיט אזוי פֿיל חכמה אז עס איז א וואונדער ווי מיר האַלטן דאָס אויס. דער געדאַנק אז צום סוף שטאַרבן מיר, איז נאָר געווען אזוי פֿאַרבייגייענדיק, כמעט צופֿעליק. וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען איז, אַז מיר ווערן וואונדערלעך קלוג, איך מיין סיי אין פֿאַרנעם סיי אין טיף. וואָס איך וויל זאָגן איז, אז ווען מיר הייבן אָן באַגרייפֿן אז מיר זענען קלוג, זענען מיר טאָפּלט קלוג; אזוי ווי אַ שטייגער, ווען מיר זעען דעם טויט פֿאַרשטייען מיר ערשט דעמאָלט דעם זין פֿונם לעבן. איך מיין, אז דאָס וואָס דער נביא זעט, איז שוין אויפ'ן אָרט אָפּגעטאָן. נאָר

אויב דאָס וואָס דאַרף געשעען קען בלייבן ניט־גע־שעען — דאָס הייסט, אויב די וועלט וויים נאָך דער־פון נישט, און וועט דערפון קיינמאָל נישט וויסן — איז א גרויס צער אז א מענטש זאָל שטארבן און זיי־נע שפּראָצנדיקע חושים זאָלן ווערן גלייך צו שטויב און צו גאָרנישט.

איך וויל זיך אָבער נישט לאָזן פאַרפירן פון אָט דעם געדאנק. איך וועל ליבערשט טראכטן פון דעם מענטשן וואָס לעבט, וואָס זיין חכמה ווערט גרויס און רייף. יאָ, חכמה — אין וואָס אייגנטלעך באשטייט א מענטשנס חכמה? אין דעם קענען באנעמען דאָס לעבן גופא, ווייל דאָס לעבן איז אין זיך כולל אלץ. דאָס לעבן דערלויבט אז א מענטש זאָל דערצו צוגיין מיט צוויי צוטריטן: אין אלגעמיין און אין פּרט. די צוויי באגריפן זענען סוף כל סוף איינס, און פון וואַ־נען זאָלסט נישט ארויסגיין קומסטו סיי ווי ארויס אויפן זעלבן וועג — צי דו פאַרנעמסט זיך מיט מע־טאַפיזיקע צי מיט דער פראגע ווי אזוי מען שטעלט אוועק א טיש ער זאָל שטיין אויף פיר פיס. מיר גלויבט זיך, אז די דערקענטעניש איז די אמתע חכמה—דאָס באנעמען אלץ צו וואָס דו רירסט זיך צו: מענטשן, ערד, האָלץ, גלאָז, און די אבסטראקטע נוי־טען: באַגער, ליבע, טויט.

אָבער אָפּגעזעען פון דעם קוואל פון חכמה, איז טאַ־קע צום באַוואונדערן, ווי אזוי א מענטש שטייט אזוי— כמעט דו באַמערקסט אים נישט, און ער באהאַלט אין

זיך אַן אוצר — און אַ וואָרט זיינס איז גאָלד, און אַ מינע זיינע איז דימאַנטן. און כאָטש אַזאַ מין קלוגשאפט איז ריין און קלאָר, ליגט זי אָבער נישט בלויז בא אים אין מח. איך רעד דאָ פון דער חכמה וואָס מאכט פון יעדן איינציקן חוש אַן אבן טוב, געשליפן און איידל. און אויב אַ מענטש איז זיך אַזוי טיף און רייך — און שטאַרבט, איז עס געגליכן צו אַלטן ווייסן וויין וואָס האָסט אויסגעגאָסן, אָדער צו אַ געמעלד אויף אַן ערדערנער כלי און די כלי ווערט צובראָכן, אָדער צו אַ טייערן שטיין וואָס איז צומאָלן געוואָרן אויף שטויב. און אויב די אַלע צוגלייכונגען זענען פּאָרט אַלץ נישט גענוי — איז עס דערפאַר וואָס די חכמה פון אַ מענטשן איז נישט עפּעס אַזוינס וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט און האַלט עס ערגעץ אָפּגעזונדערט פון זיך, נאָר דאָס וואָס אַ מענטש איז און מען קען דאָס נישט פון אים צונעמען און דאָס האַלטן באַזונדער און דעם מענטשן באַזונדער.

חכמה איז די בליציייט פון אַ מענטשן. אָבער נישט אַלע קענען באַווייזן אַז זייערע אויגן זאָלן אַרויסלייכטן און זייער לייב זאָל כישופן מיט דער גאַנצער חכמה פון זייער האַרצן. פּרויען דאַווקע יאָ אַמאָל. גוט טוען די קינסטלער. זיי האָבן מיט גרויס מי אויסגעפּאָרשט אי זיך אַליין אי זייערע מיטלען, אַזוי אַז עס זאָל כאָטש בלייבן אַ זכר פון דער חכמה וואָס ליגט בא זיי באַהאַלטן מיט אַזוינע גרויסע סודות.

איך האָב אַ סך געלערנט אין די ביכער און קיין זאַך זיך נישט אויסגעלערנט פון בוך. און דערפאַר קען איך אַ סך און קען קיין זאַך נישט. קיין זאַך קען איך נישט אזוי ווי עס פאָדערט זיך פון אַ מענטשן ער זאָל קענען א זאַך, כדי אז אין א נויט זאָל ער זיך קאָנען אָנשפּארן אָן זיין קענען. איך טו יעדע זאַך מיט אזא משונה'דיקן דריי, מיט אזא ווילדן ציקל, אז איידער איך קוק זיך נאָך רעכט ארום, שטיי איך שוין אין דרויסן פון געווינשטן קרייז. א מענטש בין איך אָן אָפּגעזונדערטער. דער מח טראָגט מיר נישט אויס אויף אויסצופאָלגן כללים, מיין האַנט איז נישט קיין זיכערע, און גאָרנישט איז אין מיר נישט באַשטענדיק. וויפיל איך האָב נישט געפּרואווט זיך איינצוברעכן און וויפיל אנדערע האָבן דאָס נישט געפּרואווט טאָן פאַר מיר פון מיין טובה וועגן, און וויפיל די טעג האָבן זיך אויף מיר נישט אָנגעזעצט און מיך געטריבען: זיי א מענטש מיט מענטשן גלייך — איך בין געבליבן דער ניט־איינגענומענער, אפילו פון זיך אליין נישט קיין באהערשטער. דערפאַר שטיי איך אין דרויסען פון אַלץ און פאַרקער בלויז מיט א פּאָר געציילטע מענטשן. אויב עמיצער וועט זאָגן אז מיין שאַפן איז גאָרנישט אזוי אנדערש ווי איך וויל מיינען, עס

פעלט דעם בלויז אזא מין צעמענט וואָס זאָל עס צו־זאַמענהאַלטן — ס'הייסט ס'איז נישט קיין קונסט — נו, אויף דעם גיי איך בשום אופן נישט איין.

אויב איך קען נישט קיין זאַך געניי ווי אַנדערע קענען דאָס, נעמט זיך עס דערפון וואָס איך בין טעמפּ פאַר דער נוצלעכקייט פון זאַכן און בין באַגייס־טערט פאַר זייער שיינקייט, רייץ און ריטעם. אַזוי ווי דו האָסט גערן אַ מענטשן כאָטש דו ווייסט אים נישט דערגיין און דערגרונטעווען, אַזוי באַהעפט איך זיך מיט אַ זאַך וואָס איך וועל קיינמאָל נישט קענען. איך גיי אַוועק צו איר מיט אַ הינטער־טיר דורכ'ן גאָרטן, נישט דורכ'ן פאָרנעמען אַריינגאַנג. איז דער גאַנג זיס און ביטער מיט פיל ריחות. און אַז איך באַגעגן אַ מענטשן אין גרויסן זאַל, איז מיין האַרץ שכור און אויף די שיך ליגט געלער שטויב. און אַז די פּרינצע־סין קומט אַריין שיינענדיק, ליג איך אין אַ ווינקל שטוב, הער זיך געשפּאַנט צו צום מענטשנס דינע רייד, און אָפּטמאָל נישט — און וואַרט צו בלייבן אויג אויף אויג מיט דער געאיידלטער ליכטיקער חכמה.

איך בין אַ פאַר'חלומ'טער פון געבוירן, און פון קינד־ווייז אָן האָט דאָס אויסערלעכע אויף מיר קיין שליטה נישט געהאַט, און פון פעסט־איינגעפונדעוועטעם אַנט־לויף איך. פון דעם וואָס איך קען נישט קיין זאַך רעכט לייד איך און וועל מסתמא ליידן, אָבער זיך איבער־מאַכן קען איך נישט. עס פעלן מיר פשוט יענע מאַ־

שין־צעלן אין מח וואָס מאַכן א מענטשן ער זאָל גיין ווי א זייגער ווען מען ציט אים אָן.

וועל איך דערפאַר קיין קלאַסיקער שוין נישט זיין, און בלויז מענטשן ענלעכע צו מיר, וואָס ווייסן נישט אויף גענוי קיין זאַך נישט, און וואָס האָבן זיך געגריבלט אין זיך און גאָרנישט דערגאַנגען, וועלן מיך אויפנעמען באַ זיך. זיי וועלן זיך מיט מיר פרייען מיט אַן איניקער פרייד. ווייל זיי וועלן אין מיר דערזען א לייבלעכן ברודער. פון איין מאַמען — דער שווערער ערד און איין טאַטן, דעם געהויבענעם הימל, און ס׳וועט זיי זיין ליב וואָס איך, נאָך איינער אזא ווי זיי, בין דאָ צווישן זיי.

47

צו וואָס שרייבט אזא מענטש ווי איך, פון א ניט־געוויינטלעכן שטילן מענטשן וואָס איז מיט גאָרנישט ענלעך אויף דעם ברייטן פאָלק וואָס לייענט — איך מיין, צו וואָס שרייבן וועגן זיך, אַן איינצעלנעם מענטשן? איך וועל דאָך דערמיט נישט איבערמאכן קיין וועלט — און ווער מאַכט איבער וועלטן?

מיין שטילער אויסגעשריי — ווי ווייט וועט ער אָפּהילכן? ער וועט רוען צווישן טאָוולען, מיין רוף, אזוי ווי א שטיין וואָס ליגט אין דער ערד, אין דער

טיפסטער שיכט פון דער ערד. איך ווייס דאָס אַלץ. האָב איך זיך שוין דערפאַר פון אַ סך וואוילטאָגן צור ריקגעצויגן, אָבער פונ׳ם וואוילטאָג פון שרייבן קען איך זיך נישט אָפּזאָגן. און דאָ אין שרייבן האַלט זיך אין איין שאַרפן מיין גערדאַנק ווי אָן אַ שאַרפשטיין.

פונ׳ם לעבן פון אַ צוגענגלעכן מענטשן, פון אַ דורכ־שניט־מענטש וויל אַ וועלט הערן און וויסן. מען באַ־נעמט זיין פרייד און לייד און מען לעבט מיט אים מיט. אָבער אַז איך בין נישט קיין דורכשניט־מענטש און דערצו אזא כּאָטישער — פאַרוואָס זאָל איך שטערן די אַלגעמיינע געמיטלעכקייט? מער ווי אַ רע־טעניש בין איך קיינעם גאָרנישט. און איך האָב נישט בדעה צו זיין אפילו קיין רעטעניש.

מענטשן מיט א סך וויסן גלויבן אַז מען דאַרף אויף יעדע רעטעניש וויסן אַן ענטפער. איך מיין אַז מען דאַרף נישט. ביסט אַ רעטעניש, גוט, זיי דיר א רע־טעניש פאַר זיך. איך וויל דען זיך אויפפלאָנטערן און צי מיך אַרט דען אַז אַנדערע זאָלן מיך אויפפלאָנטערן און קלאַסיפיצירן? אָט בין איך: א מענטש וואָס לעבט אין זיך אַ גאַנצער, אַ פולקאָמענער; און אַ מענטש אין דרויסן פון זיך, אַזוי ווי איר זעט אים. דער מענטש דער גאַנצער, דער פאַרוויקלטער שרייבט, מוז זיך אויסשרייבן. פאַרשפּייט, פאַרלאַכט אים, דאָס שרייבן פאַרשאַפט אים אָבער דאָך אומגעהייער גרויסן תענוג. עס, איך ווייס אויך, אַז אין אַ צייט אַרום וועט מסתמא קומען אַזאַ איבערקערעניש אַז עס וועט נישט איבער־

בלייבן קיין שטיין אויף קיין אָרט. נאָכמער, איך זע, אַז די צעלן פון מיין גוף אַטראָפּירן, און פיל אַז ווען איך וועל נישט ווערן וועט אַנטשווינגן ווערן אַלדע פרייד, וועט פאַר מיר אַלץ זיין שטיל. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען אַז דאָס איז אַן אומרו אין מיינע אויגן. ניין, ניין, דאָס איז נישט קיין אומרו. דאָס איז אַזאַ ווילן.

איך זע דעם סוף, און דאָס וויסן איז באַ מיר אַזוי אריינגעטיפט אין האַרצן ווי אַ בוים אין דער ערד.

אָבער פון קיין גראָדערן וועג אויף צו קומען צו אַ תיקון ווייס איך נישט.

48

פאראן מענטשן געצערטלטע, אַזוינע אַז גאָט און לייט וואָלטן זיי געמעגט מקנא זיין. פון דער וויג אויס ביז'ן קבר פאַלט אויף זיי נישט קיין שטויבל, קיין גראָבע האַנט רירט זיך צו זיי נישט צו. אין אַלץ וואָס זיי טוען גליקט זיי אָפּ. פאַר זייערטוועגן — מאַכט, כבוד, געלט. געבראַכט זיי עפעס, שיקט מען נאָך די בעסטע און געניטסטע אין פאַך, גרויסע קעפ, גוטע, געשיקטע הענט, מיט אַ ים דערפאַרונג. גייט מען אַרום זיי אויף די שפיץ־נעגל. און שטאַרבט אַזאַ איינער באַוואָרנט מען אים אפילו קעגן וואָרים, מיט מירמלשטיינערנע ווענט און מיט באַלזאַם. אָט דאָס

איז אַ גרויסע זכיה. דאָס לייב איז זיי ווי אַ גאָרטן — אָבער דאָס האָט זיי באַלד אַזוי אָפּגעגליקט נאָך אין דער מוטערס בויך. און דער מח אַ געצאַמטער, צי גאָר אַ באַשיידענער, אַ רואיקער. דאָס איז דאָך אַוואַדע אַ גליק. קייטלט זיך איין זאַך מיט אַ צווייטער — דער מענטש מיט זיין סביבה. קומט אים שוין אנטקעגן זיינס גלייכן. ס'געפינט זיך. און זי איז שיין ווי גאָלד, מיט אַ לויטער לייב, — אַ שטילע נשמה. און קינדער וואַקסן געראָטענע, און אַזוי כסדר.

זענען אָבער פאַראַן אַנדערע מענטשן, שלאָגן זיי זיך אַלעמאָל אויף דאַסניי אָן מיטן קאָפּ אין וואַנט. זיי ווייסן אפילו וואָס שיין און גוט איז — איז אָבער פון איין זייט דאָס ווילדע בלוט אין זיי, און פון דער אַנדערער זייט די „געבענטשטע" אומ־שטענדן — אַז פאַרשאָלטן זאָלן זיי זיין. איז צו וואָס דו זאָלסט זיך נישט צורירן איז דאָס אָדער בלאָטע, אָדער האַרט, שפּיציק, שאַרף, גראָב, וואָכעדיק, אומ־פאַראַנטוואָרטלעך, ציניש, רוי, פּוסט, ווייטיקדיק. אַזאַ שלימזלדיקן מענטשן קען אַמאָל אַ מאַמע פאַרלירן באַם טראָגן אָדער געבוירן מיט אַ מייזל אויפן פּנים, אָדער ס'קען זיך אים סתם טרעפן אַן אומגליק שפּע־טער. און אָנהייבנדיק מיט די ווינדעלעך און פאַר־ענדיקנדיק מיט די תכריכים איז ער שטענדיק געקליימט גראָב, אומגעלומפּערט, און וואוינט אין שטיבער מיט שימל אויף די ווענט, מיט פּאָדלאָגעס פון גרויסע, אַלטע, פאַרפוילטע ברעטער, און דאָס מעבל איז באַ

אים קרום און לאָם און חרוב. און אַליין איז ער אויך א חורבה.

קומסטו צוגיין און זאָגסט: מיר וועלן זיך באַמיען און פאַר דיר שאַפן א ספּעציאַליסט וואָס זאָל דיר אויסהיילן די הינער־אויגן.

ענטפער איך דיר: ערשטנס, וועט דער איידעלער דאָקטאָר מיך באַהאַנדלען ווי מען באַהאַנדלט געוויינט־לעך קבצנים פאַר וועמען פריינט האָבן זיך באַמיט, און צווייטנס, לאָמיר וואוילבאַקומען מיינע הינער־אויגן.

עס טוט מיר הנאה וואָס איך בין נישט קיין גע־צערטלט קעסט־קינד אָנגעוויזן אויף גוטע לייט, און וואָס איך קען לאַכן — כאָטש אָפטמאָל מיט גאַל. און מיר איז אוואדע גוט וואָס מיט א קלייניקייט קען איך איבערקומען דעם טאָג. און אוואדע איז מיר באַ־קוועם אין די אַלטע קליידער, און גראָם אין קליינעם צימער, און ניחא די וואָכעדיקייט. און איך נעם פאַר־ליב דעם ווייטאָק און אַלץ — ווייל עס איז אויף מיר אויסגעפאַלן אזוי.

49

דער ליבער מענטש, גאָטס מענטש, דער פילבאַ־דייטנדיקער, ווערט אַלט פינף־און־דרייסיק יאָר — איז וואָס טוט ער אין אזא טאָג? ער,

נאַרישקייטן. נאָר שפּעטער־צו, גיט ער זיך אַ כאַפּ און געפינט, אַז ער איז באַנקראָט. ער איז זיך אַליין שול־דיק געבליבן עפּעס אַ שלל מיט — וואָס? — עך, גאָרנישט. ער איז נישט שולדיק נישט זיך און נישט קיינעם נישט, און קיינער אים אוואַדע נישט. אָבער פּאָרט איז זער ביטער. עס שטימט נישט דער רעכענונג. דער גאַנצער עסק ליגט אַ באַגראָבענער. וואָרים וואָס עס איז שוין אַוועק וועט מען שוין צוריק נישט אָניאָגן, און וואָס עס וועט זיין איז באַ פינף־און־דרייסיק יאָר, געוועגט אָן דעם וואָס עס איז געווען.

הייסט עס, מען איז שוין עפּעס אַזוינס וואָס אָדער עס איז יאָ אָדער עס איז נישט, אָבער אַ מענטש איז דאָס. שלעכט, איך ווייס נישט וואָס אייגנטלעך בין איך אַזוינס. אַ סימן, מיין געליבטע זאָגט אויך אַז זי פאַרשטייט מיך נישט: אַז איך האָב זי ליב, איז פאַר־וואָס ברענען באַ מיר אַזוי די אויגן ווען איך רעד צו יונגע מיידלעך? איך ווייס טאַקע נישט. איך גלויב נישט אַז די אויגן ברענען מיר אויף אָן אמת, אָבער עפּעס געשעט מיט מיר דאָך אַזוינס. און פאַרוואָס בין איך אַזוי אומרואיק? עך, ווי איך וואָלט זיך וועלן פאַר־ברענען. ס'איז מיר נישט ניחא דאָס לעבן. און קיין היים און קיין ווייב און קיין קינד און קיין רינד.

אָנגעטשעפּעט מיין אייגן רינגעלע אין דער קייט, און מיט מיר פאַרענדיקט זיך עס. ווען מען טוט מיר נאָך, שטעלט זיך אין איין דור אָפּ די וועלט. ס'וואָלט אוואַדע געווען כדאי. דערשרעקט מען זיך אָבער, דער

ווילן בלייבט אָפּהענטיק, און אַז עס איז נישטאָ קיין ווילן גייט די וועלט ווייטער אָן איר חלשותדיקן גאַנג. און אָן אַ ווילן לעב איך. אַנישט וואָלט איך דאָך שוין לאַנג געזאָגט: גענוג. נו, מ'איז באַנקראָט.

נעמט מען ווידער אַ ביסל ווייַן, און דאָס מיידל מיט די קליינע ציינדלעך און רונדע בריסט ווערט ווידער די מוטער פון דער וועלט. און אַזוי ביז אויף ווייסן טאָג. און אַז איך בין שוין אַריבער די שוועל וואו מען ליגט און שלאָפט, איז שוין גאַנץ עגאַל. די רייד קומען אָן אָן אָטעם, אָן פליגל. איז נאָך אַ ביסל ווייַן — יאָ? און די בריסט־שנעבעלעך ווי פייגעלעך, ווי פלינקע וואַרעמע פליגעלעך גיבן אַ צעפּראַל און — אַוועק.

גאָט מייַנער, צו פינף־און־דרייסיק יאָר! ווי קומען צו אַזאַ מענטשן ווי איך אַזוינע יונגע, לופטיקע גע־דאַנקען? צי וועל איך ווען עלטער ווערן, און צו ווערט סתם אַזאַ מענטש אַלט. מעגלעך אָבער, אַז דאָ ליגט די שולד אינעם ווייַן. ווייל אָן דעם ווייַן און אָן דעם מיידל בין איך דאָך אַ פאַרצווייפלטער מענטש, וואָס רעט כסדר פון באַנקראָט. יאָ, עפּעס איז דאָ נישט אַזוי ווי דער ווייַן מאַכט צו גלויבן. אָבער אדרבה גיי קלער, אַז דער ווייַן שוימט נאָך אין קאָפּ.

איך האָב אָפּגעלאָזט די פליגל אויף אַ מינוט, און אַט איז שוין אַוועק אַ יאָר, און ווער ווייס וויפיל צייט עס וועט נאָך אַזוי אויסרינען ביז וואַנען איך וועל איינזען מיין גרויסן טעות, זיך צוזאַמענ־נעמען און אויסשרייען אויף זיך: משוגענער וואָס דו ביסט, זע וואָס דו טוסט, האָסטו שוין אָנגעוואוירן גאָר דעם גאַנצן שכל?

איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט פון די הענט, איז וואָס מען טוט מיט מיר, נעם איך אָן פאַרליב. קומט מען און מען רייסט מיך אָפּ פון זיך. און איך אָן אַ ווילן גיי מיט, ליג אין שטומער ציטערניש פאַר זייערע פיס, שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט. וויל איך שוין עס זאָל נע־מען אַ סוף. קיין סוף אָבער וועט נישט נעמען ווילאַנג איך וועל נישט צוריקקומען צום שכל.

איז וואָס דאַרף מיך דער שכל לערנען? אז מיט דעם שפּילן זיך אין ליבהאָבענישן, פּרואוו איך עפּעס פאַרטומלען. איך וויל פאַרטומלען די שטילע ווערטער וואָס רעדן אין מיר און וואָס זענען אַזוי פול מיט ווייִ און אַבסטראַקטער שיינקייט. איך האָב זיך נישט ליב אַזוינעם אַ צודולטן וואָס ווייס נישט וואָס ער טוט.

איך בין נישט בלויז איינער. און יענעם אין מיר מוז איך אָפּגעבן אַ חשבון פון זיך. ער פאָדערט פון מיר און איך מוז אים דערציילן, אויסדערציילן אַלץ,

און נישט פארלייקענען אָדער פארהוילן קיין זאַך. דורכן געפּלעכט פון מיינע משוגענע טעג און נעכט, שפּאַרט זיך דורך יענעמס שטיל וואָרט ווי אַ מיק און גיט אַ שטאָך: משוגענער! און באַטאָג, באַנאַכט חזר איך אָפּטמאָל איבער: משוגענער! אָבער איך באַנעם נישט דאָס וואָרט. אַ יאָר און אפשר צוויי אַז איך רעד צו זיך: זע באַקום צוריק דעם גראָדן שכל וואָס האָט זיך דיר צופּלאָנטערט. אפילו אַז דו געווינסט פאַר־שפּילסטו. שיין זענען פרויען — זייערע ליבער זענען האָניק, יעדעס ליב מיט זיין באַזונדערן קילן חן און שרפדיקן רייץ. יעדעס ליב זיין באַזונדערע שפּראַך— אַ ליב אַ לאַנד. דו אַ פליער איבער לענדער. אָבער אַ קלאָרער מענטש שטעלט זיך אָפּ אויף אַן אָרט, די גאַנצע וועלט איז איין לאַנד, איין שטאָט.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

ווינאָר איך האָב אָפּגעלאָזט די פליגל, און עס האָט מיך גענומען טראָגן איבער דער ווילדער וועלט פון געשלעכט, האָב איך פאַרלוירן דעם חוש פאַר צייט, אַזוי ווי אין חלום ווען מען חלומט מען האָט געזעען די וואונדער פון גן־עדן, און אָט שוין איז אַלעס צו־רונען געוואָרן אין ווייסן טאָג. עס שטעלט זיך אָפּ אַ טונקעלער בלייערנער געפיל.

און אין דעם וויכטיקן וואָס איז מיר אַזוי וויכטיק, די צייט מיין צייט, וואָס איך האַלט ווי אַ טייערע שנור אין האַנט — אַז אין מיין לעבן זאָל זיך געפינען אַזויפיל פסולת, פאַלשקייט און זנות — טונקעלע,

שוואַרצע, דין־געפּלאָכטענע פּעדים, איז אַ משוגעת וואָס מען דאַרף דאַרויף זיין אַ צודרייטער קאָפּ דאָס נישט צו דערזעען און פאַרכאַפּן אין צייט, און אויס־וואָרצלען.

אָבער דערפאַר וואָס איך בין נישט געראָטן אין מיין חבר דעם פילאָזאָף וואָס פאַסט אַ באַשלום און האַלט זיך באַ אים, צווייפל איך איצטער אויך: צי וועל איך ווען קענען אויף אַזויפיל זיך צאַמען: די שיינקייט מיט וואָס אַ פרוי איז שיין, כאָטש דאָס פאַרפירט אָן אַ זייט און טויט אָפּ די לעבעדיקע יונ־גע טעג, איז דאָך די אייגענע שיינקייט וואָס אין קונסט איז זי אַ דערגרייכונג — אַ דערפילונג.

51

ב'בין געזעסן פאַרנאַכט אַליין אויף די שטיגעלעך אינ'ם זומער און ארויפגעקוקט אין הימל אריין, האָב איך דערזעען אין די נאָענטע וואָלקנס אַ קינד, אַ קליין קינד. האָט עס מיך געגעבן אַ שטעכיקן טאָרע באַם האַרצן, אזוי אז לאַנג האָב איך שוין נישט געקענט בלייבן זיצן און בין אַריינגעגאַנגען אין שטוב אום צו פאַרטרייבן פון זיך דעם אויפגעוועקטן אומעט. נישט דאָס ערשטע מאָל איז מיר צוהאַנדן געקומען פילן דעם דאָזיקן אויפברויז. אַמאָל אַז מיין געליבטע ווערט

מיר אומגעטריי, און אויך דערנאָכדעם ווען זי קויפט זיך בא מיר צוריק איין, קומט דער געפיל.

וואָס איז פאַר אַ טאַטן אַ קינד? מען פרייט זיך אַזוי וואָס מען איז דאָס ווערט געווען בא אַ מענטשן און זוכה געווען בא גאָט. און פון דערוווייטנס איז אַ קינד אַן אָנהאַלט: געשלאָסן אַ בונד מיטן מאָרגן: כ'וועל קומען מאָרגן ווײל איך נישט זיין קיין פרעמדער: אַ קינד איז אַ לאַנד צו וועלכן מען קומט אָן און דאָס לאַנד שטייט אָפן אויף אויפצונעמען.

אַ קינד איז נישט קיין חוב וואָס מען איז וועמען שולדיק, נישט דעם לאַנד, נישט גאָט און לייטן. נישט קיין חוב יענעם, נאָר אַז מען האָט אַ קינד איז מען דעם קינד שולדיק, וואָרים עס האָט נישט געוואוסט פון קיין קומען און מען האָט עס אַרויסגערופן: קום צו מיר, קינד, און איך וועל דיך אַריינגעמען אין מיינע אָרימס יום־טובדיקע, און דו וועסט זיין מיין יום־טוב.

וואָס צו דער מוטער איז צו דער מוטער, אָבער דער פאָטער דאַרף דאָס קינד האָבן נייטיקער אויף זיך צו דערגאַנצן — און דאָס קינד איז פאַר אים אַ סימן. פאַר דער מוטער אַ פאַרגיטיקונג פאַר אירע ווייען און איר אויסהאַרן, פאַרן פאָטער אַ לעבעדיק אָפּבילד פון חלום־בילד.

אוואדע קען אַ מענטש אַרומגיין אין איינגערעטער אַז אַלץ איז הוילער געדאַנק, אַז וואָרט־שפיל און קלאַנג־שפיל און פאַרב־שפיל איז דער אָנהויב, די

דערגרייכונג און דער מיטן. אָבער פּאָרט גייט א מענטש ארום און טאַפּט מיט די הענט, שפּאַנט איין די כחות פון בלוט און טרייבט זיי ווי פערד. און דעם נעכטן אז ער לייזט אויף און לאָזט פון אים ארויסרי־נען דאָס לעצטע רעשטל לופט, פאַלן איין די ווענט פון זיין לעבן ווי קיינמאָל נישט געווען. עס באַפאַלט מיך א שרעק פאַר מיין שרייבן וואָרים איך ווייס אז עס איז אזא שפּיל וואָס אז דו האָסט דיך דערמיט שוין אָנגעשפּילט, איז עס אליין שוין אויך אויסגע־שפּילט — און צוויי דריי מענטשן לייענען דיך פאַרן שלאָפן גיין אז זיי זאָלן קענען שלאָפן. קינד אָבער שפּילט זיך נישט אויס. קינד גייט איבער אין וועלט, אין אייביקייט.

אָבער דאָס איז אלץ נישט דאָס. איך פאַראַלגע־מיינער — און דערפאַר וואָס איך האָב זיך פאַרגעסן אין דעם קינד וואָס איך האָב דערבליקט אין דעם נאָ־ענטן וואָלקן אין הימל זומער. איך נעם עס ווידער־אַמאָל אויף די הענט און קוש עס אין קעפּל. קינד! קענסט מיך נישט? איך בין דאָך דיין טאַטע! עלטער פון דיר? ווייטער פון דיר? יאָ. אָבער וואָס איז דאָס אנטקעגן דער גאַנצער גרויס פון צייט־ווייט? זע דו שטעלסט דיך אויף די פיסלעך; דו קריגסט ציינדלעך; דו ווערסט שטאַרק, מונטער — אין די הענט, פיס, אין דער דיק פון מח; דיין געשלעכט באַוואוסטזיניקט זיך; עס שפּראָצט פון דיר אויף. ווי ווייט זענען מיר פונאַנאַנדער, קינד? דאָס איינע נאָר. דו קומסט פון

מיר ארויס, און שפעטער, און איך קום אויף א ווייל אפריער. איך דין דיר. איך גיב דיר איבער. איך בין געווען אומעטום און זיך אַנגענומען מיט חושים איידעלע, מיט נייגונגען, מיט בלינדן און זעעוודיקן ווייסן, און שענק דאָס דיר — ווייל נישטאָ קיין פאסיקערע כלי אויף אויפצונעמען מיין ווייַן, מיין גוטס. ביסטו שוין יאָ דאָ ווייל איך האָב דיך אַרויסגערופן, זאָל דיר קיין שום זאַך נישט בלייבן פאַרהוילן.

קוק איך זיך ראפטום ארום אין לאָמפ־אָנגעצונדענעם צימער מיט שאָטנס, זע איך ווי דו פעלסט מיר אויס, קינד. טוט זיך פון מיר גלייך אָפּ די טרייסט, און דאָס בענקען נעמט מיר ארויסריינען פון די אויגן.

52

ממש מיט אַ צושרויפּטן קאָפּ, פון דעגות און פּלאָנטערנישן וואָס אַ טאָג האָט אויפגערודערט אין מיר, זעץ איך זיך אין אָוונט אוועק באַם טיש אויסצושרייבן מיינע רעיונות און מאַכן דערפון אַ קאַפּיטל פון מיין בוך. האָב איך אוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ ליכט, אַ שווער וועקסן ליכט, און עס אָנגעצונדן. און איך זיץ און וויל זיך דערטראַכטן צום עצם געדאַנק — וועט שוין דאָס איבריקע זיין לייכט — ווערט ער מיר אין גאַנצן פאַרפאַלן, און איך כאַפּ זיך אז איך קוק דרינגלעך אריין אין פלעמל פונ׳ם ליכט, און מער גאָרנישט. און פון מיין גאַנצן טאָג פּלאָנטערניש ווערט

אַ טייך. אָבער פּאָרט אַז עס איז מיר גרינגער געוואָרן אַזוי — זאָל זיין אַזוי. דאָס ליכט שטייט און פלאַמט מיט אַן אָראַנזשענעם שפּיץ וואָס צוקט, צוקט, צוקט, און ציט אַרוים דאָס וואַקס פונ'ם ליכט. און איך בליק אַריין אין שוואַכן פייער וואָס ציט זיך מיט אַ דינעם, דינעם לאַנגן הויכן שפּיץ אַרויף אין דער לופט אריין, און דערפיל ווי איך וואָלט געוואַשן עפּעס אינעווייניק אין זיך אין דעם ווייזן לייכטן פייער ווי אין אַ פרישן וואסער. און איך דערמאָן זיך אַז אָנהויב זומער האָב איך איבערגעלעבט אַן ענלעכן געמיט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אריינגעגאַנגען אין שטילן טייך זיך באָדן. איך קען נישט שווימען און טרוי זיך נישט דעם וואַסער, בין איך לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אַריין שאַרנדיק מיט'ן רעכטן פוס, פּרוּאוונדיק די טיף. און אַז איך בין שוין געשטאַנען אין גאַנצן אין וואסער ביז איבערן קין און דערפילט די נאַסע זילבערנע קילקייט אַרום מיין לייב, האָט דערמאָלט דאָס וואַסער ווי איצטער דאָס ליכט גענומען שאַפן אין מיר אַ ריינקייט, און איך האָב פּלוצלונג דערשפּירט דאָס לעבן אין מיר, אַ שטילס און אַ פיינס. און אַז איך האָב דאָס געוואָלט אָנרירן מיטן געדאַנק אפילו איז דאָס נישט געוואָרן, אַזוי איידל איז דאָס געווען — דער עקסטאַז פון יענעם וואַסער, ווי פון דעם איצטיקן פייער פון ליכט.

אַז איך הער זיך איין, הער איך די שטילקייט רעדן, און אַז איך בליק אריין אין דער טיף זע איך דאָס לעבן.

מיין ליכט צאַנקט, צוקט, און איך פאַרשאַרע דאָס קנייטל, און דאָס גראָע דורכזיכטיקע ליכט איז האַלב אויסגעברענט. דאָס שטילע געמיט איז האַלב־פאַר־שוואונדן. איך וויל לופט. איך אָטעם. דעם עצם־גע־דאַנק פון מיין היינטיקער פאַרפלאָנטערטקייט קען איך נישט אַרויסציען פונ׳ם קנויל.

דאָס שטילע האָט זיך אין מיר אויסגעשעפּט, ווי אַ ברונים.

מיט געדולט וואָלט איך זיך צו אַ סך געקאָנט דערשלאָגן.

אַרבעטן איבער זיך איז מיר פרעמד געוואָרן.

מיינע הענט נעמען פיבערן — נישט גראָד צו פאַרפאַרטיקן, נאָר אָן אַ זין. עפּעס האָט מיך אָראָפּ־געפירט פון וועג און איך קען זיך נישט צוריק אַרויפ־שלאָגן, אַזוי לאַנג ווי איך וועל דאָס נישט אָפּטויטן אָדער כאָטש די הענט אָראָפּהאַקן. אָבער דאָס איז דאָך אַ זאַך אין מיר, און איך מוז דאָס מיטן פייער פון מיין ליכט אויסברענען, מיטן וואַסער פונ׳ם טייך אויסוואַשן.

איך קום אַ מידער צו די שטילע מאָמענטן און זיי מאַכן מיך נאָך מער מיד און עפּעס איך שעם זיך מיט די שטילע מאָמענטן, מיטן צוצווינגענעם טעמפּאָ און די לירישע קאָנסאָנאַנצן — נישט גראָד דערפאַר וואָס די וועלט איז אַן אַנדערע, נאָר דערפאַר וואָס איך בין אין לעבן אויך אַן אַנדערער — ווילד, שפּיציק, רוי — און אין מיין קונסט פאַרקערט, ווי אַ סאָמנאַב־

בוליסט וואָס די לבנה פירט אים און בלינדערהייט גייט ער אַרום מיט אַ ליכטל איבער דער וועלט. איך האַס מענטשן, שפּיי זיי ממש אָן אין פּנים אַריין, דערצייל און הער זיך אָן גראָבע וויצן, שפּיל אין קאָרטן ווי משוגע, לויף נאָך פרויען, באָרג זיך אָן און צאָל נישט אָפּ, בלאָנדזשע אַרום מיט אַ מישמאַש פון אייגנס און פרעמדס אין קאָפּ. און מיטאַמאָל אַז איך זע זיך אַוועק באַ אַ גראָשנדיק ליכטל וואָס שלעפערט מיך איין, מיין איך גאָר אַז עס האָט מיך געלייטערט, אַז איך בין שוין פון מיינע זינד אַן אויסגעקויפטער, אַז אָט אַזוי בין איך דאָס — אַ שטילער, דערהויבענער מענטש, אַ דיכטער פון קלאַסישע ווערק. עך! און צום סוף בין איך און בלייב האַלב אַ משוגענער, האַלב אַ נאַר, און טאָפּטשע נאָך אַלץ אַרום אין דער זעלבער בלאָטע.

53

א מענטש איז באַרעכטיקט צו זיין אייגענעם אמת. אַן אמת איז א מעשה, אַ מעשה וואָס האָט אַ טעם. עס זענען פאַראַן גליקלעכע מענטשן, וואָס האַלטן זיך באַ אַן איינציקן אמת זייער גאַנץ לעבן. האָט אַזאַ איינער ליב זיין גאָט, זיין שטוב, זיין ווייב, — איז זיין גאָט דער אויבערשטער, זיין שטוב איז דער מיטלפונקט פון דער וועלט און זיין ווייב איז די ערשטע און

שענסטע. ווידער זענען פאַראַן אַנדערע מענטשן וואָס אפילו קיין טויזנט אמתן איז זיי נישט גענוג.

יאָ, די אַלטע מעשות האָבן אָנגעוואוירן זייער כישוף, און איך וויל אייך דערציילן אַ נייע. גאָר קיין נייע איז אָבער נישטאָ. איך שטוים זיך אָן בלויז אויף אזא זאך: מיין אמת איז אז דער אמת איז נישט דער עיקר. אזא מין גלויבן מאַכט אַמאָל אַ מענטשן פאַר אַ ציניקער. איך האָב אָבער נישט באַוויזן צו ווערן קיין ציניקער, מחמת איך ווייס דאַווקע אז איך בין אָפט ניט־קלוג. און אז איך דערמאָן זיך אָן מיינע טעותן, עוולות און נאַרישקייטן — פאַרשפאָר איך אָפּלאַכן.

בין איך פאַרדאָס טאָקי אַ טאָלעראַנטער מענטש — דאָס הייסט, ווי לאַנג יענעמס אמת איז אויסגעהאַלטן און שיין. אָבער דאָך, אפילו אז איך פאַרשטיי אים נישט, וואָלט איך נאָך אַלץ געדאַרפט גלויבן אז עס קען זיך שיקן אז עס זאָל זיין אזא אמת וואָס איך זאָל נישט פאַרשטיין. און אַמאָל קוקט מיר טאָקי אויס קשה ווען מענטשן אורטיילן שטייענדיק אויף איין פוס יענעמס אַ לעבנס־אידעע.

אָבער וואָס טוט מען פאָרט אז יענעמס אמת קומט אין קאָנפליקט מיט מיין אמת? די וועלט וואָלט אַוואַדע געווען אַ מער געזיכערטער אָרט ווען אמתן קענען זיך גיין יעדער זיין וועג אָן איינער דעם אַנדערן אָנצו־טרעטן און צו קריוודען. האָבן אָבער אמתן די אייגענע טבעס וואָס מענטשן.

עך, אויסהיילן די וואונדן פון דער וועלט וועל איך

שוין מסתמא נישט קענען. איך וויל בלויז קאָנסטאַטירן מיינע באַטראַכטונגען: אַ מענטשנס לעבן, אַ מענטשנס אמת דאַרף האָבן אַ טאַלק. דער מענטש־קינסטלער דאַרף איינשטעלן אַן אָרדנונג אין זיין אמת, אָדער לויט די כּללים פון לער־בוך, אָדער לויט די כּללים פון זיין אייגענער באַמיאונג.

דאָ וועט מען מיר אויסרעדן פאַרוואָס איך ווידער־שפּרעך זיך: וויבאַלד אַז דער אמת איז נישט דער עיקר, וואָס לייג איך אַזויפיל געוויכט אויף אים און זאָג אַז מען דאַרף אין אים איינשטעלן אַ טאַלק?

אָט דאָס איז טאַקי מיין אמת, און דער עיקר: אַ טאַלק.

דער אמת איז נישט די דערגרייכונג — דער טאַלק איז די דערגרייכונג. דער אמת איז נישט וויכטיק, ווייל אַן אמת היינט קען מאָרגן זיין אַ ליגן — די אָרדנונג איז וויכטיק. וואָספאַרא אָרדנונג? אָרדנונג! אין קאַנטס מעטאַפיזיק פאַרכאַפּט דער ריזיקער געבוי, אין מיכל אַנגעלאָס סקולפּטורן איז דער עיקר די סטרוקטור, די אויסגעהאַלטנקייט אין דעם גרויסן פאַרנעם. אין די פּיראַמידן הויבט זיך אָן די אידעע באַם גרונט און שטייגט, שטייגט ביזן שפּיץ. און נישט אין שפּיץ איז די דערגרייכונג. און וויכטיק איז אויך נישט די זאַך וואָס הייסט פּיראַמידע, ווייל איין פּיראַמידע איז ענלעך צו אַ צווייטער — נאָר די אידעע — פון ליניען און פלאַכן וואָס גלייך פון גרונט אַרויס זענען זיי באַ־צוואונגען, פאַראורטיילט צוזאַמענצוגיין אין איין אַב־

סטראַקטן פּונקט. אויך דאָ איז דער עלעמענט פון סטרוקטור דער עיקר. אַזוי אויך אין דער מעשה איז דאָס דערציילן דער עיקר: דער טאָלק וואָס שאַפט זיך, נישט די לעגענדע.

און ווען עס וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַזייטיקט ווערן דער אַלטער כּלל: מעשה, — וועט זיך אַ צושפּיל טוען דעם מענטשנס פאַנטאַזיע און שאַרפזין, ווייל אומבאַצוואונגען פון די פאַר צונויפגעזאַמלטע אַלט־קייטן וואָס זענען אַ באַגייסטערונג און גלייכצייטיק אַ שטערונג, וועט דער קינסטלער־מענטש זיך אַרויס־לאָזן אויף צו שאַפן אָן מוסטערן, באַהערשט בלויז פון זיין געלייטערטן קונסט־חוש פאַר סטרוקטור און אָרד־נונג.

54

אט בין איך דערגאַנגען צו אַ שטופּע אין מיין שרייבן ווען איך קען זיך שוין צו יעדער צייט אַוועקזעצן און אָנשרייבן וויפיל איך וויל נאָר אַליין, אָן איבעריקער אָנשטרענגונג, ווי איך וואָלט געשעפּט פון אַ פולער פאַס. איך באַדאַרף נישט גענוי וויסן פון פריערהאויס וואָס איך וויל זאָגן. פון אונטער דער פעדער שטייגט שוין אייגנטלעך אויף אַ גאַנצע איינהייטלעכע זאַך. דאָס גיט מיר אַ סך פון וואָס נאָכצודענקן: איז דאָס טאַקי אַ געוואונטשטע דערגרייכונג אין אַ וועלט ווי אַלץ לעבט זיך אויס אין רייד? און צי איז דאָס נישט

אפשר די פוסטע גאווה פון א יונגן מענטשן? און איז דען אלץ פון דער זעלבער וויכטיקייט, אז עס זאל פארנעמען אן ארט גלייך אויף גלייך?

פריער אז עס פלעגט מיר טומלען אין קאפ מיט איינצעלנע ווערטער, וואס פלעגן זיך נישט קענען בינדן, האב איך זיך אוודע נישט געטרויט אז איך בין א שרייבער. איצט ווייס איך אז איך בין א שרייבער — אין דעם זעלבן זין וואס א שוסטער איז א שוסטער ווייל ער איז נישט עפעס אנדערש. ער איז נישט גע־בוירן געווארן מיט דער דלאטע אין האנט, נאר צו עפעס אנדערש קען ער זיך פארט נישט נעמען. אויך איך בין מיט דער פעדער אין האנט נישט געבוירן געווארן — דאך באנעם איך איצט די וועלט דורכן ווארט.

בין איך אלזא א שרייבער — איז ווי אזוי דארף מען שרייבן, און נאכאלעמען צי דארף מען גאר שרייבן?

גוט איז דעם מענטשן וואס קען גוט זיין פאך — וואויל צו דעם מייסטער. מיט די איינפאכסטע מיטלען שטעלט ער זיך ארוים אין פארנט פון דער וועלט. עס קומט א צייט ער אנטפלעקט זיך. איידער ער האט דערגרייכט די דאזיקע מדרגה איז ער נאך אן א פנים, צי ווי איינער וואס שטייט אין יענעמס שאטן.

אבער ווי, ווי, אז ער האט שוין באוויזן זיך אנצו־שלאגן אן א וועג, נעמט ער און אנטבלויזט זיך גאר, און שטייט הויל און נאקעט. נאקעט בלייבט ער און ווי דורכזיכטיק — אויף שאנד און שפאט פאר א

וועלט מיט לייכטזיניקע מענטשן. און פאר לייכטזיניק האלט מען גאר אים, דעם נאקעטן מענטשן: ווייל ערשטנס האט ער געמאכט פון דעם מיטל א ציל: פון דעם ווארט — קונסט. און צווייטנס, ווייל ער האט זיך געלאזט, ווי מען דענקט, פארפירן און צונאר מאכן פון אן אילוזיע. אז אלץ איז אילוזיע ווייס נאר איינער דער קינסטלער — דענקער. אבער א וועלט מיט מענטשן האלט זיך יעדער מיט זיין אילוזיע און פאר־לאכט יענעמס.

איך האב אויסגערופן מיט פארדרוס: ווי, ווי! דערפאר וואס דער קינסטלער אנטבלויזט זיך פאר אלעמען אין די אויגן, ווי ער וואלט וועלן זאגן, זעסט מיך א שוואכן און אנגעפראפט מיט חסרונות. דאס איז אבער געווען נישט טיף פארקלערט. דארפן האב איך געדארפט אויסרופן און מיט נצחון: וואויל, וואויל! צו דער וועלט וואס בא היינטיקן טאג זענען נאך פאראן מענטשן מיט עניות און געדולדיקייט צו וועלן און צו קענען זיך דערגרונטעווען צו די טיפענישן אין א מענטשן.

און דער שרייבער דארף זיך נישט שעמען, און מצער זיין אוודע נישט, וואס מען לאכט פון דעם מענטשן דעם נאקעטן. דער פארטראכטער מענטש דער נאקעטער איז דאך זיין אילוזיע, אינדערצייט וואס ער אליין שרייבנדיק זיצט אפשר ערגעץ בא א פרעמדן טיש געבויגן, טרינקנדיק קאווע פון א שווערער צוקארבטער שאל.

עס זענען דערשינען אין זעלבן פארלאג די
יידן־קינסטלער מאנאגראפיעס:

פיסארא	פון לעא קעניג
שאגאל	פון יצחק ליכטענשטיין
מאדיליאני	פון מארעק שווארץ
ליבערמאן	פון לעא קעניג

אין גיכן דערשיינען:

איזראעלס	פון גוסטאוו קאן
גאטליב	פון שלום אש
הירשנבערג	פון יצחק ליכטענשטיין
וואלקאוויץ	פון ב. קאפמאן
מאקס וועבער	פון ל. לאזאוויק
יעקב עפשטיין	פון לעא קעניג
סוטין	פון וואלדעמאר זשארזש
קאפמאן	פון יהודה טאפעל
קיסלינג	פון פ. פעלז

דרוקעריי
ARS
55 RUE DE RIVOLI
· PARIS ·